5. **פראקטישע באמערקונג:** היינט איז די פראבלעם פון מסריח נישט אזוי שייך, ווייל מ'האט ער-קאנדישאן, מ'לייגט אייז, מ'מאכט זיכער ס'איז קיל, מ'קען ברענגען א גוי – ס'איז דא אנדערע עצות. דער ענין אין רמב"ם רעדט פון א סיטואציע וואו ס'איז שוין נישטא קיין אנדערע עצה.

---

**דערמיט ענדיגט זיך פרק כ"ו – דער לעצטער פרק פון הלכות טלטול/מוקצה – מיט דעם יסוד פון „גדול כבוד הבריות שדוחה לא תעשה שבתורה."**

## תמלול מלא

### הלכות שבת פרק כ"ו – פרטים בדיני טלטול

#### הקדמה לפרק

יא, מיר לערנען הלכות שבת אין רמב"ם, די זעקס און צוואנציגסטע פרק. ברוך השם מיר זענען שוין גאנץ נאנט צו די ענדע פון הלכות שבת, און דאס גייט זיין די לעצטע פרק וואס רעדט פון דיני טלטול. ס'איז דא דריי פרקים וואס רעדט זיך וועגן טלטול, די וועלט רופט עס מוקצה, וועלכע כלים מ'מעג יא אדער נישט מטלטל זיין. און דא גייט זיין פארשידענע פרטים אין דיני טלטול.

זאגט די רמב"ם אזוי, **כל כלי האורג**, מ'קען זאגן מאוסטלי א ליסט פון סארט כלים וואס מ'מעג יא אדער נישט מטלטל זיין פאר פארשידענע ריזענס. בעיסיקלי סיי אלעס וואס מ'טאר נישט מטלטל זיין וועגן ס'איז כלי שמלאכתו לאיסור, אבער ס'איז אויך דא די וואס מ'טאר נישט מטלטל זיין וועגן ס'קען מאכן אן איסור, מ'קען עובד זיין אויף עפעס ווען מ'רוקט עס אדער. רייט, און אויך זייער אסאך היתרים וואס מ'מעג יא.

די תורה דארף מען לערנען צו וויסן וואס מ'מעג יא, נישט צו וויסן וואס מ'מעג נישט. וואס מ'מעג נישט בלייבט מען שלאפן, מ'טוט גארנישט. אמת.

**הלכה א: כלי האורג וחבליו**

יא, זאגט די רמב"ם אזוי, **כל כלי האורג וחבליו**, די כלים וואס די אורג, די מענטש וואס וועבט, נוצט, אורג זיין איז אן אב מלאכה. די כלים וואס מ'נוצט צו אורג זיין, די שטריק, די חבלים, די קנים, די אלע כלים **איז מותר לטלטלן**, מ'מעג זיי מטלטל זיין. פארוואס? ווייל ס'איז א כלי שמלאכתו לאיסור, און מיר האבן געלערנט אז א כלי שמלאכתו לאיסור מעג מען

מטלטל זיין לצורך גופו, לצורך מקומו. מ'טאר עס נאר נישט נוצן פאר די צורך פון די כלי, אבער פאר די צורך פון די מענטש מעג מען יא.

**הכובד העליון והכובד התחתון**

דאס איז די כלים, די לייכטע כלים, די כלים אזיווי די חבלים און די קנים. אבער **הכובד העליון והכובד התחתון**, אן אורג האט א גרויסע מאשין וואס איז דא אז ס'זאל פרעסן די בגד ווען מ'ענדיגט עס נוצן. די זאכן טאר מען נישט מטלטל זיין, פארוואס? ווייל דאס קען מען נישט מטלטל זיין, מ'טאר נישט מטלטל זיין, און לשון הרמב"ם, **לפי שהן נתונים ומחוברים לקרקע**, זיי זענען ארייגעשטעקט אין די קרקע.

ממילא הייסט עס נישט ווי א כלי, ס'הייסט אזיווי יעדע זאך וואס איז מחובר לקרקע וואס מיר האבן שוין געלערנט, אזיווי די דעקל פון א חבית וואס איז טבול בקרקע, זיי האבן שוין געזען אז עפעס וואס איז תקוע בקרקע טאר מען נישט נוצן. אבער ער זאגט אז מ'רעדט נישט ווען ס'איז ממש תקוע אין קרקע, ווייל ווען ס'איז תקוע אין די קרקע טאר מען עס נישט רירן וועגן א חשש פון גומא, אז ווען ער נעמט עס ארויס מאכט ער א גומא אדער עפעס. נאר אפילו יעצט ליגט עס נישט אין די גומא, ווייל די סדר איז אז ס'איז געווענליך משוקע בקרקע, טאר מען עס קיינמאל נישט נוצן, אפילו ווען ס'איז נישט.

תקוע מיינט נישט דווקא תקוע בקרקע. תקוע מיינט אז ס'איז עפעס זייער שטארק קאנעקטעד מיט די מאשין, איז עס ווערט נישט קיין כלי, ס'ווערט אויס כלי, ס'איז נישט קיין זאך, ס'איז נתל. נישט נאר שבת איז עס איין נתל, איין נתל מיינט אז ס'איז נישט קיין דבר הניטל, ס'איז א זאך וואס בלייבט דארט פארט פון די סיסטעם.

**עמודים של אורג**

ווייטער, **וכן עמודים של אורג.** די עמודים, זעט אויס אז די אורג האט עפעס א מאשינקע, און אויף דעם איז דא עפעס פאולס. ניין, ס'שטייט אה, אנטשולדיגט, די עמודים איז אויף וואס מ'הענגט אויף. ס'איז דא צוויי עמודים, און אויף דעם הענגט מען אויף די סחורה. און די עמודים איז נייחא נייחא, ס'איז אויך **אסור לטלטלן שמא יתקענה בגומא שלהן**, ווייל אויב ער גייט זיי ריקן, איז דא א חשש אז ער גייט עס צוריק מאכן א גומא, אדער ער גייט עס צוריק לייגן אין די גומא. סאו דאס איז מער אזיווי א דירעקט אזיווי הלכות שמא ישווה גומות.

סאו די קורה העליונה און די קורה התחתונה טאר מען נישט אפילו ווען ס'איז נישט תקוע, ווייל ס'איז זייער שווער, זייער העווי, ממילא הייסט עס נישט קיין שום הקלה. די עמודים וואלט יא געקענט הייסן א הקלה, איז דא אבער א פראקטישע איסור שמא יתקענה בגומא שלהן.

**שאר כלי אורג** – די אנדערע כלים פון די אורג זענען מותרים, ווייל ס'הייסט יא כלי שמלאכתו לאיסור, וואס איז מותרים לצורך גופן ומקומן, פאר וואטעווער ס'איז מותר.

**הלכה ב: מכבדות של תמרה**

**מכבדות של תמרה** – די בעזעמס וואס מ'מאכט, מ'נעמט א לולב פון א בוים פון תמר, א תמרה, **וכיוצא בהן, שמכבדין בהן את הקרקע** – וואס מ'קערט אויס די פלאר, **הרי הן ככלי שמלאכתו להיתר** – איז עס אזיווי א כלי שמלאכתו להיתר, **שמותר לכבד בו שבת** – שבת מעג מען אויסקערן, אזיווי די רמב"ם האט געזאגט אין פרק כ"א, ווען די רמב"ם האט גערעדט וועגן מלאכת חורש, דער רמב"ם האט געזאגט אז אויף א פלאר פון זאמד טאר מען נישט אויסקערן וועגן א שווי הגומות, אבער א פלאר וואס איז מרוצף באבנים מעג מען יא. סאו מ'רעדט דא לכאורה, א בעזעם ניצט מען אין א פלאץ ווי מ'מעג, און א פלאץ וואו מ'מעג איז א כלי שמלאכתו להיתר.

**חידוש: כלי שמלאכתו להיתר אפילו ווען ביי דיר איז עס אסור**

ערשט דארף מען זאגן אז אפילו א פלאץ וואס איז נאר עפר, אפילו דארט מעג מען נישט טון, אבער די בעזעם הייסט נאך אלץ א כלי שמלאכתו להיתר, ווייל ס'איז דא גענוג כשר'ע פלארס. אפילו דו האסט נישט, ביי דיר אין פלאר קענסטו נישט אויסקערן, אבער די כלי הייסט א כלי שמלאכתו להיתר. אזוי מוז מען פארשטיין. יא, ס'מאכט סענס. א כלי וואס די ניצול איז איסור, ווערט עס נישט א כלי שמלאכתו לאיסור. רייט.

**הלכה ג: לבנים שנשארו מן הבנין**

איי גוט. **לבנים שנשארו מן הבנין.** מיר האבן פריער גערעדט וועגן אויף וואס מ'מעג זיך זעצן, האבן מיר געלערנט כרעפים של דקל און אנדערע זאכן וואס מ'דארף עס מתקן זיין פאר דעם. אבער דאס איז ווען נאטורליך ווערט עס נישט קיין כלי שמלאכתו להיתר. אבער ציגל וואס בלייבט פון א בנין, איז אייביג דער סדר אז מיט דעם מאכט מען בענק.

ער גייט אריין אין כלי שמלאכתו להיתר וועגן די נושא פון, אזוי ווי מ'רופט עס, מוקצה מחמת גופו. רייט, נישט וועגן כלי שמלאכתו לאיסור פון בויען אדער עפעס אזוי. דא רעדט מען אז פארדעם איז עס לכאורה געווען מלאכתו לאיסור, וועגן צו בויען, אז ס'ווערט מחובר לקרקע, וואס ס'הייסט נישט קיין כלי. אבער דער סדר איז אז ווען לבנים וואס בלייבן איבער, ער גייט שוין זאגן, די לבנים וואס בלייבן איבער פון א בנין, איז אזוי ווי א כלי שמלאכתו להיתר, פארוואס? **שהרי ראויין לישב עליהן.** זיי זענען ראוי צו זיצן אויף זיי. **שהרי שפין אותן ומתקנין אותן.** די לבנים מאכט מען אייביג אז זיי זאלן זיין שיינע באקסעס, מ'גלאנצט עס אויס.

ממילא איז עס שוין עומד, דער מענטש דארף גארנישט נאכדעם צוליגן, ווייל די סטאר וואס מאכט די לבנים אדער די ארבעטער וואס האבן עס אנגעגרייט האבן שוין געטון די ארבעט. אנדערש ווי אזוי ווי מיר האבן געשמועסט, עפעס א רויע האלץ, דארף מען נאך עפעס טון אז ס'זאל נישט האבן קיין ספלינטערס, איך ווייס נישט וואס, ס'דארף זיין מיוחד לישיבה. אבער דאס איז אויטאמאטיש מיוחד לישיבה, מ'דארף גארנישט טון.

**ואם צבר אותן – הקצה**

פארקערט, ס'איז נאך דא א וועג וויאזוי ס'ווערט אסור. **ואם צבר אותן,** אויב האט ער צוזאמגעפיילט די לבנים ווייל ער וויל עס אוועקלייגן פאר א שפעטערדיגע בנין אדער פאר א סטאר אדער וואס, **הרי הקצה,** האט ער מיט דעם עס מקצה געווען, האט ער מיט דעם געוויזן אז ער וויל עס נישט ניצן יעצט. אלס א בענקל. זעט אויס אז לבנים וואס בלייבט איבער איז אויטאמאטיש א בענקל, אבער אויב האט מען געזאגט קלאר איך וויל עס נישט פאר א בענקל, האט ער עס מקצה געווען, איז וואס טאר מען נישט טלטל'ן.

**חידוש: דער באגריף פון הקצה**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל דא זעען מיר די ערשטע מאל הקצה, אז ס'מיינט אבער נישט מוקצה ווייל ס'איז נישט געווען ראוי בין השמשות. נאר הקצה מיינט אז ער האט אפגעמאכט אז ס'איז יא כלי שמלאכתו לאיסור, אדער ער האט אפגעמאכט אז ס'איז יא שטיינער וואס מ'גייט נוצן פאר די נעקסטע בנין. ראוי לבנין. ס'ווערט נישט מלאכתו לאיסור, ס'מיינט הקצה, ס'איז בטל מתורת כלי און ס'איז געווארן תורת... מוכן לבנין.

**הלכה ד: חרס קטנה**

**חרס קטנה,** און מ'האט פריער געלערנט וועגן א כלי וואס האט זיך צובראכן, און די שטיקלעך דערפון וויאזוי מ'קען עס יעצט נוצן. אבער דא רעדט מען ווען נישט דווקא ס'איז געווען... ס'האט זיך צובראכן א כלי. ער האט א קליינע שטיקל חרס פון א נישט געענדיגטע כלי אדער וואס. ניין, מ'האט פריער געלערנט אז ס'דארף זיין א מלאכה ראשונה, אבער יעצט רעדט מען א שטיקל חרס. א שטיקל חרס הייסט אייביג א כלי. פארוואס? **מטלטלין אותה אפילו ברשות הרבים.** וואס מיינט צו זאגן אפילו ברשות הרבים? ווייל באופן אופן איז... מ'רעדט נישט דא מ'טאר נישט טראגן אין די ד' אמות, אבער אין רשות הרבים, אין די ד' אמות. יא, פארוואס? **הואיל וראוי בחצר...** ער זאגט אזוי, א קליינע חרס נוצט מען אייביג פאר א דעקל אויף א כלי.

זאגט ער, נישט נאר אין די חצר וואו ס'איז דא כלים און ממילא איז די חרס אויטאמאטיש זייער שנעל טרעפט מען וויאזוי ס'נוצט זיך אלס א כלי, נאר

אפילו אין רשות הרבים וואו ס'רוקט זיך נישט סתם אזוי כלים, וואלטסטו געזאגט אז ס'הייסט נישט קיין כלי. ניין, ס'הייסט יא א כלי, ווייל הואיל און ס'איז ראוי, וואנס מ'טרעפט א כלי קטן איז עס ראוי פאר א דעקל, הייסט עס אייביג א דעקל.

#### מגופת חבית שנפחתה

מ'האט שוין געלערנט **די מגופת חבית שנפחתה**, די קאווער פון א חבית וואס האט זיך צובראכן, **גובה ושבריה מטלטלין אותה**, מ'מעג ווייטער נוצן די גראבע שטיק פון די דעקל אדער די שטיקלעך דערפון, ווייל מסתמא איז עס די זעלבע זאך ווי די חרס קטן, וואס איז ראוי ווייטער צו נוצן פאר א כיסוי פאר א כלי.

**ואם**, אבער ווען זאגט מען לאשמועינן? אדער ס'איז ארויסגעגאנגען לאשמה, **נתפסה אבן**, האט ער געוויזן אז ער קוקט עס נישט אן ווי א כלי, **איז אסור לטלטלה.**

#### הלכה ה: כלי שנתרועע

**כלי שנתרועע**, א כלי וואס איז געווארן לוס, א כלי חרס וואס איז געווארן ווייך, ער ווייל נעמען א שטיקל פון די כלי חרס צו נוצן פאר עפעס אנדערש, טאר ער דאס נישט טון. **לא יטול הימנו חרס**, ער זאל נישט אראפרייסן פון דעם א שטיקל חרס צו נוצן פאר אן אנדערע זאך, **לחסות בו את האור**, ווייל ער מאכט א כלי בשבת ווען ער טוט עס.

#### חידוש: פארוואס איז דאס מאכן א כלי?

וואס איז אזוי אז ווען ער טוט עס מאכט ער א כלי? ס'איז א גאנצע צובראכענע כלי, אדער ס'איז עפעס שוואך, און יעצט וואס מ'טוט געווענליך מיט אזא כלי איז מ'צוברעקלט עס און מ'מאכט פון דעם שטיקלעך כלים פון פארשידענע שימושים, אבער אין שבת טאר מען נישט מאכן, דעמאלטס איז ער נישט מתקן א כלי. ס'האט אפשר נעכטן אויסגעזען א מתקן, אבער היינט איז עס נישט אזוי.

אקעי, יעצט קען מען לערנען נאך א זאך, צו מעג די שטיינער וואס מ'נוצט פון די ביסעקעס, א שטיקל חרס מעג מען יא מאכן פאר א דעקל, ווייל א שטיקל חרס אליין הייסט שוין א דעקל. אבער ווי לאנג ס'איז נאך א גאנצע כלי און ס'האלט יעצט אינמיטן צובראכן ווערן, דעמאלטס טאר מען עס נישט מאכן פאר א דעקל, ווייל מיט דעם מאכסטו עס פאר א כלי.

איי, מ'מאכט, מ'צוברעכט יעצט די חרס, פריער איז עס נישט געווען קיין שטיקלעך. ניין, דאס איז נישט די שאלה פון צובראכן, ס'איז שוין נתרועע. מ'דארף נישט ממש צוברעכן, ס'הייסט נישט איסור תולש, ווייל ער דארף עפעס ארויסנעמען. ס'הייסט נישט איסור תולש, ס'הייסט איסור מאכן כלים. דאס זאגט ער, ווייל ס'איז איסור מאכן כלים, ווייל ס'איז נאך נישט געווען.

א שטיקל חרס, אפילו ס'איז נאך א צובראכענע שטיקל חרס, קוקט מען אן ווי א כלי, אבער קוקט מען אן ווי א כלי וואס ליגט שוין אין די כלי שנתרועע. וועגן דעם, ווייל ס'ווערט א כלי, טאר מען נישט מאכן די כלי. אבער וואס ווען קען מען טראכטן אז פון ווען א כלי איז ראויה, הייסט שוין אלע שטיקלעך ווי כלים. דאס זאגט די הלכה נישט אזוי.

#### הלכה ו: אבנים מקורזלות לבית הכסא

ווייטער, **מותר לחנוס על פי חבית בשולי שבלים המקורזלות**, און אזוי אויך ביי זיי. מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז היינט צוטאגס איז דא בעסערע הייצערס, אבער מ'פלעגט נוצן אבנים מקורזלות צו וואַקוויישן. מעג מען דאס טון, ווייל נארמאלערהייט א כלי איז מוקצה מחמת גופו, אבער... איך מיין אן אבן איז מוקצה מחמת גופו, אבער אבן וואס מען ניצט אין דאס כיסא איז א כלי. דאס זענען אבנים מקוזלות וואס זענען שוין ספעציעל גרייט, ס'איז א סארט אבן, אבער נאר דריי, ווייל מען מעג נאר ברענגען וויפיל מען דארף ניצן שבת.

### דיני טלטול אבנים לבית הכסא וכלים שונים

#### אבנים מקורזלות לבית הכסא

### :Speaker 1

ס'איז שוין נישט ראוי. מ'דארף נישט ממש צעברעכן. ס'הייסט עפעס תולש, ווייל ער דארף עפעס ארויסנעמען פון וואו ס'ליגט. ס'הייסט נישט איסור תולש, ווייל ס'איז נישט קיין איסור תולש.

אזוי איז דער מהר"ם קייזער זאגט ער, ווייל ס'איז נאך נישט געווען. אנשטאט אפילו דו האסט סתם אזוי צעבראכן א שטיקל חרס, קוקן אים שוין אן ווי א כלי, אבער פארקערט, וועגן דעם, ווייל ס'ווערט א כלי, טאר מען נישט מאכן די כלי. ווייל וואס וועגן קענסטו טראכטן אז פון ווען א כלי איז ראוי הייסט שוין אלע שטיקלעך ווי כלי. אבער די הלכה זאגט נישט אזוי.

ווייטער, **מותר להכניס לבית הכסא שלש אבנים מקורזלות לקנח בהם.** אונז דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז היינט צוטאגס איז דא בעסערע עצות, אבער מ'פלעגט נוצן אבנים מקורזלות זיך אפצואווישן. מעג מען עס טון, ווייל נארמאלערהייט א כלי איז מוקצה מחמת גופו, אבער אן אבן וואס מ'נוצט אין בית הכסא איז א כלי. דאס זענען אבנים מקורזלות וואס זענען שוין צעטיילט, גרייט. ס'איז א סארט אבן. אבער נאר דריי, ווייל מ'מעג נאר ברענגען וויפיל מ'דארף נוצן שבת.

**וכמה שיעורן?** ווי גרויס זאלן זיין די שטיינער? **כדי שלא יגע.** איך פארשטיי נישט פונקטליך וואס דא שטייט. ער קען נישט נעמען דריי זייער גרויסע שטיינער. ער קען נאר נעמען עפעס וואס מ'קען נוצן. אז ער כאפט וואס ער קען האלטן אין די הענט, וואס איז פראקטיש.

#### דיסקוסיע: פארוואס נאר דריי שטיינער?

### :Speaker 2

פארוואס נאר דריי? וואס אויב גייט ער גיין פיר מאל אין טוילעט?

### :Speaker 1

יעדע מאל מעג ער ברענגען דריי. דאס הייסט, כאטש אפילו ס'פעלט נישט אויס מער ווי דריי אבנים. ס'איז א ווירד הלכה. וואס איז ווירד? אזוי וויפיל מ'נוצט, וויפיל איז א שימוש. דו גייסט מיר אריינטיילן וויפיל טישוס איך מעג נוצן? סיריעסלי? יא, נאר די צייט הלכה. איך פארשטיי נישט פונקטליך וואס די הלכה איז. דו ביסט פונקטליך ווייל דו ביסט מחולק מיט די תורה. ווייל די תורה האלט אז יעדע זאך האט א ריכטיגע שיעור, און דו האלטסט וויפיל איך וויל. דו וועסט מיר נישט גיין אריינטיילן וויפיל טישוס דו קענסט נוצן.

דו האסט א מחלוקת הסודות מיט די הייליגע תורה. די הייליגע תורה, איך מיין די הלכה, דער וועג וויאזוי די הלכה ארבעט אלעמאל, זיי זאגן אז מער פון דעם פעלט נישט אויס. אויב דו ביסט א משוגענער וואס פעלט דיר יא אויס, איז דיין פראבלעם. דאס איז נישט וויאזוי די הלכה ארבעט. די הלכה זאגט אלעמאל וויפיל ס'פעלט אויס, און אויב איינער וויל מער, איז ער א דרייטער. מ'דארף נישט... די ווארט איז עפעס נישט... איך מיין די פשט... אבער ס'האט א בעסערע פשט. איך האב מיך געוואונדערט. און די בעסערע פשט איז אזוי: מ'זאגט נישט אז ווייל מ'גייט נוצן אין בית הכסא הייסט עס פאר א כלי. ס'איז נישט קיין כלי, ס'איז מוקצה מחמת גופו, נאר משום כבוד הבריות התירו. און משום כבוד הבריות התירו נאר מינימום. דו קענסט נישט נעמען מער וויפיל דו דארפסט. אבער זיי האבן נאר מתיר געווען די מינימום. ווען וואלטן מיר געזאגט אז עניטינג וואס מ'גייט נוצן אין בית הכסא הייסט א כלי, קענסטו אנהייבן מיט צוואנציק, דרייסיג כלים, ווייל די גרעסטע זאך איז דאך פאר בית הכסא. די ווארט איז נישט אזוי. די ווארט איז, זיי האבן מתיר געווען צו נעמען שטיינער אין בית הכסא, אבער זיי האבן נאר מתיר געווען דריי, ווייל דאס איז די מינימום וואס א מענטש דארף האבן זיך צו...

### :Speaker 2

דאס איז נישט די מינימום, דאס איז די מעקסימום.

### :Speaker 1

דאס איז די מינימום וואס א מענטש דארף האבן וואס די חכמים האבן מתיר געווען.

### :Speaker 2

ניין, ניין. ס'איז געגוג און נאך. די חכמים זענען נישט קיין שלעכטע, זיי מאכן נישט קיין מינימום. ס'איז געגוג און נאך. וויפיל מ'דארף. מ'דארף נישט קיינמאל מער ווי דריי. דאס איז די ריעליטי. די חכמים האבן עס איינגעטשעקט. און אויב איינער מיינט אז ער דארף מער ווי דריי, עפעס איז ראנג אין זיין סיסטעם. ער דארף א רפואה שלימה.

### Speaker 1:

נו, נו, כבודך זאגסט אזוי, אבער איך האלט אנדערש. איך זאג אז די חכמים האבן נאר מתיר געווען א שיעור וואס איז זייער וויכטיג, ווייל זיי האבן מתיר געווען משום כבוד הבריות. אדרבה, אויב מאכט זיך א מענטש וואס דארף מער, אפשר האבן זיי אים מתיר געווען משום כבוד הבריות.

### Speaker 2:

ער דארף נישט מער. ס'איז דריי. ער זאל גיין צום דאקטאר. ערלעדיגט.

### Speaker 1:

אבער אויב ער דארף, הייבט זיך אן א שאלה פון פיקוח נפש, זאל ער גיין צום דאקטאר.

### Speaker 2:

אוודאי.

### Speaker 1:

יא, שיק צום דאקטאר יעדן איינעם וואס נוצט נישט די עקזעקטע אמאונט פון טישוס וואס דו האסט אויסגעמאסטן. ס'מאכט נישט קיין סענס. דו ביסט פאני.

### Speaker 2:

אבער ווארט, ששש, לאמיר ענדיגן. **אבער אדמה שהיא קרובה לברך,** אבער זאמד, אבער א שטיק ערד. א מענטש וויל זיך אפווישן מיט א שטיק ערד. אה, דו ווילסט רעדן וועגן די טישוס. ווייל דו האלטסט אז ס'איז פאסיג פאר די חכמים צו וויסן וויפיל טישוס ס'פעלט אויס אין בית הכסא. און די חכמים זענען געווען גרעסערע מענטשן ווי דיר, און זיי האבן געהאלטן אז יעדע זאך ווייסן זיי.

### Speaker 1:

און דו מאכסט מער כבוד פאר די חכמים ווי מיר? אוודאי, אוודאי, ווייל דו...

### Speaker 2:

איך מיין דו האסט נישט געהאט קיין היסטאריע. ס'איז אביסל שווער צו פארשטיין, און איך טריי צו מאכן די מציאות. אז מ'האט מתיר געווען משום כבוד הבריות, האט מען נאר מתיר געווען די מינימום.

### Speaker 1:

ניין, דאס איז וואס איז שווער צו פארשטיין. ס'איז די מעקסימום. די חכמים פארשטייען וויפיל מ'דארף.

### Speaker 2:

ניין, די חכמים זענען געווען מומחים אין וויפיל אלע מענטשן אין די וועלט דארפן האבן שטיינער אין בית הכסא. זיי האבן באזוכט מיליאנען בתי כסאות, זיי האבן געהאט סטאדיס פון וויאזוי מען טוט עס.

### Speaker 1:

יא, יא, איך מיין ערנסט, ווייל די גאנצע צייט האלטן זיי אין איין זאגן אזעלכע זאכן. די חכמים האבן משער געווען אין פיר זאכן וויפיל ס'דארף זיין, וויפיל מ'דארף עסן, וויפיל מ'דארף טרינקען, וויפיל שטיינער מ'דארף. דאס פאסט דיר נישט? איך טשעק ער אויס, איך וויל נישט אז מ'זאל מיר אריינדרייען וויפיל שטיינער איך דארף נוצן אין בית הכסא.

### Speaker 2:

אבער איך האב א בעסערע פשט. די חכמים האבן מתיר געווען משום כבוד הבריות, און זיי האבן נישט מתיר געווען מער וויפיל זיי האבן געהאלטן אז ס'פעלט אויס.

### Speaker 1:

דאס איז אמת, אבער דאס איז נישט דיין פראבלעם, דאס איז א גאר אנדערע נושא.

### Speaker 2:

איז נישט דא קיין פראבלעם, ווייל וויפיל מ'האט מתיר געווען, האט מען מתיר געווען וויפיל זיי האבן געהאלטן אז ס'איז וויכטיג. ער האט געפרעגט זיין זון וויפיל ער נוצט, ער האט געזאגט דריי. אקעי, איז מען מתיר געווען דריי. אויב איז איינער דארף מער, האט מען דאך אויך לכאורה, ווייל די ענין איז כבוד הבריות. זיי האבן נישט מתיר געווען מיט א ברייטקייט וויפיל מ'דארף, נאר זיי האבן געזאגט א שיעור. מ'דארף נישט מער, דריי איז שוין צופיל.

### Speaker 1:

זייער גוט. אבער דו ביסט נישט צוגעוואוינט, איך ווייס דען.

### Speaker 2:

ניין, ווייל דאס איז דורך המצוה. פיר איז געווען צופיל, צוויי איז צו ווייניג. אלעס דארף יעצט שטימען מיט דיין שיעור רמב"ם. אבער איך האלט נישט יעצט אין די שיעור שווערע פראבלעם. איך וויל דא פארשטיין די טישו סוגיא.

### Speaker 1:

ס'איז שוין מער וויפיל מ'דארף. דו ווישסט זיך בכלל נישט מיט שטיינער, דו ווייסט בכלל נישט וויאזוי ס'ארבעט. דארפסטו געדענקען, you're whole time putting out so assumptions פון וויאזוי דו נוצט טישוס וואס קיינער פארשטייט נישט פארוואס.

### Speaker 2:

דו ווייסט דאך שוין, די משנה ברורה טייטשט דאך אפ ווי די אידן האבן אויך געהאלטן אז מ'זאל נאר מעגן נוצן צוויי טישוס אדער פיר טישוס.

### Speaker 1:

ניין, ער רעדט פון א זאך וואס מ'זאל אסר'ן, ס'איז נישט קיין געהעריגע טישוס. אקעי, איך רעד שוין טישוס. שטיינער איז א זאך וואס דריי איז מער ווי געגוג, און ממילא מער ווי דעם דארף מען נישט.

### Speaker 2:

זייער גוט, אבער...

### Speaker 1:

אבער, זייער גוט.

#### אדמה שהיא קרובה להתפרך

דאס איז שטיינער וואס איז ראוי צו נוצן אין בית הכסא. אבער **א דבר שהוא קרוב להתפרך,** ס'וועט זיך צעמאלן און ס'איז נישט פראקטיש זיך צו ווישן מיט דעם, **אסור לטלטלו לקנח בו.** ס'הייסט נישט ראוי לקינוח. ממילא, דער מענטש קען נישט איינרעדן, ער נעמט אריין אין בית הכסא און ער זאגט, "אקעי, איך נוץ דאס, דאס איז נישט ראוי לקינוח".

### Speaker 2:

זייער גוט, אפילו אויב ער איז קליגער פון די חכמים און ער מיינט אז ער קען יא.

### Speaker 1:

ניין, דאס דארפסטו פארשטיין. יעדע זאך גייט אזוי, מ'קען נאר...

### Speaker 2:

ער טענה'ט דאך אז ס'איז נישט קרוב להתפרך, ער האט א וועג וויאזוי עס זאל נישט צעפרעך ווערן. און ס'איז ווייטער זיין מיטער זיין מיטער.

### Speaker 1:

ס'פעלט אויס.

**אבנים שירדו עליהם גשמים**

**Speaker 1:**

זאג איך, די היתר פון טראגן אבנים לבית הכסא איז אפילו אויב ס'קומט מיט א טרחה, אפילו אויב מ'דארף שלעפן אבנים פאר דעם, **מותר לטלטל אבנים לגג ולקרני.**

זאגט ער ווייטער, **ירדו עליהם גשמים ונשתקעו בטיט,** אויף די אבנים וואס מ'האט אנגעגרייט, **אם רישומן ניכר,** אויב האט מען א סימן אז דאס זענען די שטיינער וואס מ'האט געדארפט פאר בית הכסא, **מותר לטלטלן,** ווייל דאס זענען די שטיינער וואס מ'האט מיוחד געווען. רישומן ניכר מיינט צו זאגן אז ער קען נאך זען די שטיינער בתוך די בלאטע, מוראסן. אויב נישט, איז קודם הייבט אן אויסצוגראבן שטיינער. אויסצוגראבן שטיינער אפשר מעג מען נישט שבת, ס'איז אפשר א שאלה פון סותר אדער עפעס אזא זאך. די שטיינער האבן שוין נישט די היתר. פארוואס דארפן זיי נישט האבן די היתר? פארוואס נישט? ס'זענען דאך שטיינער. ס'מוז זיין אז ס'איז דא עפעס א פראבלעם אין ארויסנעמען שטיינער. ס'זענען דאך שטיינער, ס'דארף זיין מיוחד לכיסוי. עניי ווען דו טרעפסט אזא סארט שטיין וואס איז א סאר שטיין וואס מ'קען נוצן פאר דעם, מעגסטו עס נעמען. ס'קען זיין אז ס'איז דא א שטיקל גומא מאכן אין די טיט. ניין, עפעס אזא פראבלעם. אבער דאס איז אויך לכאורה א היתר. ס'קען זיין אז פאר סתם אזוי האט מען נישט מתיר געווען. די חכמים, פאר די נושא, האבן זיי מתיר געווען אם רישומן ניכר.

**אבן שיש עליה טינוף**

**אבן שיש עליה טינוף, שבאו לקנח בו, מותר לטלטלו ואפילו היא גדולה.** דאס הייסט, דאס וואס מיר האבן געזאגט פריער די שיעור אז דווקא אזוי קליין און דווקא אזוי פיל, דאס איז כל זמן וואס ס'איז נישט מיוחד. אבער דעם דארפן די היתר. אויב מ'זעט שוין אז ס'איז שוין שמוציג, ווייסט מען שוין אז ס'איז מיוחד פאר דעם, ממילא מעג מען שוין מער אפילו. ווייל אויך מסתמא ווייל די חכמים, ווייל ס'איז דא א גזירת הכתוב, אבן שיש עליו טינוף, האבן די חכמים געוואלט מ'זאל דווקא דאס נעמען.

**צרור וחרס — וואס לכתחילה צו נוצן**

**Speaker 1:**

פאר די **הולך על הצרור וחרס,** ער האט אין פארהאנט פון זיך אדער א שטיין אדער א שטיקל חרס. און א צרור איז דאך בדרך כלל אסור בטלטול, מוקצה מחמת גופו. און א חרס האבן מיר געשמועסט אז יעדע גרויסע חרס איז א שטיקל כלי. איז דעמאלטס **לכתחילה מקנח בצרור,** זאל ער זיך לכתחילה נישט ווישן מיט א צרור. און דאס שטימט זייער גוט אין די הלכה אזוי ווי איך האב געזאגט אז ס'איז דא א היתר פון די חכמים. פארקערט, א צרור איז מער אסור. **אמנם כל זה מקנח בצרור,** פארוואס? ווייל חרס איז דאך מער א סכנה. חרס קען אים צושניידן די דארמען, איז די צרור מער רעקאמענדעד צו ניצן. פארקערט, ער מיינט צו זאגן, דו זאלסט נישט מיינען אז דו דארפסט ניצן עפעס וואס איז א כלי, קענסט ניצן עפעס וואס איז מער סעיף צו ניצן ווי דאס כלי. וויבאלד א חרס איז אויך א כלי, אבער אויב די חרס איז שוין אויסגעארבעט, מ'האט שוין געמאכט ווי א כלי, ס'איז שוין אראפגענומען די שארפקייט דערפון, ס'איז נישטא דאך א חשש אז ס'וועט אים צושניידן, איז טאקע זאל ער ענדערש ניצן א חרס ווי א צרור. ווייל צרור איז אבער די עובדא וואס מ'האט מתיר געווען משום כבוד הבריות, וואס איז נישט קיין כלי, זאל ער ענדערש ניצן עפעס וואס איז א כלי.

**עשבים רכים ועשבים קשים**

**הואיל והפליג על צרור ועשבים,** און ער וויל יעצט וויסן וועלכע צו ניצן, **אימתי עשבים רכים** איז דאך ווייכע עשבים איז אויך מותר פאר א בהמה, ס'איז א מאכל בהמה, **זאל ער ענדערש מקנח זיין בהם,** ווייל אויך פאר די סיבה לכתחילה נישט צו ניצן שטיינער ווי מלבן, **אבער אויב ס'איז הארטע עשבים** איז אויך דא א סכנה, זעט אויס, **איז מקנח בצרור.** אויך א סכנה? אדער דעמאלטס הייסט עס נישט קיין מאכל בהמה?

נאכאמאל, די צרור, ער האט עשבים, עשבים לחים איז עפעס גרינגער, פארוואס? ניין, ס'איז נאכאמאל סכנה, ער זאל נישט נוצן די הארטע, ווייל ס'איז דא א סכנה אזוויוי די חרס, אדער דעמאלטס איז עס נישט קיין כלי, ס'איז נישט ראוי למאכל בהמה. לכאורה דארף עס אויך זיין א סכנה.

דא איז דא אן איסור, די גמרא שטייט אז מ'טאר נישט ניצן טרוקענע זאכן זיך צו מקנח זיין, ווייל ס'קען צורייסן די שיני בקרקשתא, עפעס צורייסן, יא.

**דיגרעסיע: טישוס און דבר שהאור שולטת בו**

יא, ווייטער. שיורי מחצה לא שבלי, ס'איז אן איסור מפני סכנה, כאילו די גאנצע זאך איז פשוט אן איסור מפני סכנה. שיורי מחצה, אז אונז פירן זיך נישט צו מקפיד זיין אויף צו נישט מקנח זיין, די גמרא שטייט "דבר שהאור שולטת בו", א זאך וואס קען פארברענט ווערן, ס'הייסט ס'איז טרוקן, טאר מען נישט מקנח זיין, און אונז ניצן יא טישוס. על פי הלכה טאר מען נישט ניצן די שעות מקרא דערין, אבער די מנהג איז עניוועיס צו ניצן. ממילא אויב אזוי דארף מען פרעגן צו די הלכה צו מ'קען שוין ווייטער ניצן די עשבים און נישט די צרור, אבער אקעי, נישט להיין.

**שיורי מחצלת שבלו**

יא, שיורי מחצה לא שבלי. פון א מחצלת, א שטיקל פון א געניטע זאך. יעצט לעבט מען סתם פון אזוי ווי צעבראכענע כלים, וועלכע נאך דינען פון כלים.

**שיורי מחצלת שבלו,** א מחצלת איז עפעס וואס מ'מעג מטלטל זיין, אבער ווען ס'איז שוין געווארן בלו, ס'איז שוין געווארן, די מחצלת איז שוין געווארן צוגאנגען, קען מען אבער נוצן די שטיקלעך דערפון, **הראויים לכלי שמלאכתו להיתר.**

**הלכות שבת פרק כ"ו: פרטים בדיני טלטול - שיורי כלים, סולם, קנה, ודלת**

**שיורי מחצלות ושיורי בגדים**

**Speaker 1:** אבער אקעי, דו ביסט גערעכט.

יא, **שיורי מחצלות שבלי.** שריים פון מחצלות, א שטיקל פון א געניטע זאך. יעצט לעבט מען אין א כלים, לעבט מען סתם פון אזוויוי צעבראכענע כלים, וועלכע נאך דינים פון כלים. שיורי מחצלות שבלי, א מחצלת איז עפעס וואס מען מעג מטלטל זיין, אבער ווען ס'איז שוין געווארן בלו, ס'איז שוין געווארן, די מחצלת איז שוין געווארן צוגאנגען, קען מען אבער נוצן די שטיקלעך דערפון. אריינגעקומען א קלישע מלאכת היתר, די שטיקלעך דערפון איז שוין נישט קיין מחצלת, ווייל האט איינער געטראכט אז ס'ווערט נוצן מאכן מיט גופא, ניין, ס'איז א קלישע מלאכת היתר. נאר **שריא לכסות בו את המטונף,** מען נוצט עס צוצודעקן זאכן. דאס איז שיורי מחצלות.

**אבל שיורי בגדים שאין בהם שלש על שלש,** קליינע שטיקלעך בגדים וואס איז נישט שלש על שלש, **אסור לטלטלן,** אסור לטלטלן ווייל ס'האט נישט קיין שום שימוש, מען נוצט עס נישט, **שאין ראויין לא לעניים ולא לעשירים.** דאס איז די לשון מיין איך וואס מען זאגט לגבי א בגד וואס איז קלענער פון שלש על שלש איז נישט מקבל טומאה, ווייל ס'איז נישט ראוי נישט לעניים און נישט לעשירים, יעדער ווארפט עס אוועק.

אויב ס'איז דא זאכן וואס נאר די עושר ווארפט אוועק, עפעס וואס נאר די עושר ווארפט אוועק, אפילו ביי די עושר איז נישט קיין כלי, אבער ביי נארמאלע מענטשן איז יא א כלי, אבער עפעס וואס יעדער ווארפט אוועק, ווייל ס'איז פחות משלש על שלש און נישט קיין כלי חשוב, האט נישט קיין דין תורת כלי, איז אסור לטלטלן.

**Speaker 2:** איז דא אפשר א לעוועל א וואס איז ראוי לעשירים און נישט לעניים, וואס דעמאלטס איז אפשר דא א חילוק, אבער יעצט רעדט מען אז ס'האלט נישט קיין דריי אצבעות, וואס דעמאלטס איז עס...

**Speaker 1:** יא, שלש שטייט שוין דריי אצבעות, נישט דריי טפחים. יא, דעמאלטס קען מען עס נישט נוצן, ס'איז נישט מקבל טומאה ווייל ס'איז אזוי קליין, ס'איז אזוי ווייניג חשוב.

**Speaker 2:** יא, אבער דא רעדט מען פון טלטול, נישט פון טומאה, ביי דיר איז דאס די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** ניין, די לשון "שאין ראויין" איז אפשר...

**Speaker 2:** יא, אבער ס'איז דאך דא אין הלכות טלטול אזא חילוק.

**Speaker 1:** שוין, נו מילא, דאס איז די ווארט.

### שברי תנור

**שברי תנור**, צעבראכענע שטיקלעך פון א תנור, **מותר לטלטלן**, ווייל א תנור הייסט א כלי. ס'איז אינטערעסאנט, א תנור, אזוויוי די גמרא זאגט, א תנור איז דאך מחובר לקרקע, אבער א תנור קוקט מען אפשר אן ווי א כלי. ווייל אין כל הכלים נישט מלאכתן להיתר, צובראכן די כלים, די שטיקלעך דערפון איז נאך אלץ ראוי. נישט אזוויוי איך דענק נישט וואס איז אסור, וואס איז אפילו די שריים אויך נישט אסור. אקעי.

**Speaker 2:** וועלכע סארט זאכן, אויב ס'איז אראפגעפאלן א שטיקל איז עס אסור צו ניצן?

**Speaker 1:** עפעס וואס איז געווען א כלי, און אויף שבת האט זיך עס צובראכן, דארף זיין הועדה לציצין אריגינעל פאר שבת.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** קירה איז שוין נישט מיט די אייכעס מיוחדת. און מ'רעדט וועגן א תנור, נישט וועגן א קירה. איך ווייס נישט צו ס'איז דא א חילוק צווישן תנור און קירה. אבער א אויוון וואס איינע פון די פיסלעך - ס'שטייט אויף פיסלעך - איינע פון די פיסלעך האט זיך צובראכן, אסור לטלטל. מ'טאר עס נישט מטלטל זיין פאר אן אנדערע סיבה. ס'האט נישט קיין כלי שמלאכתו לאיסור. ס'איז דא א איסור שמא יתקע, אפשר וועט ער שנעל פיקסן די פיסל און עס קאנעקטן, און ס'וועט זיין איינע פון בונה.

### סולם של עליה ושל שובך

יעצט קומט די דין פון א לייטער. נאך ענינים פון טלטול. ס'איז דא אסאך כלים, אסאך זאכן וואס ווענדט זיך אויב ס'האט א כלי אדער נישט קיין כלי.

אקעי, ס'דארף אריינגיין. פארשטיין. אלע הלכות ביז דערווייל אין די פרק איז הלכות וואס הייסט א כלי, אדער ס'איז דא קביעות'דיגע, למשל ווי די אבני של בית הכסא, וואס מ'מעג עניוועס. אבער אלץ הלכות מה נקרא כלי ומה נקרא לא כלי. ס'איז בעסיקלי די הלכות כלים, וואס איז די הלכות טלטול מוקצה פון שבת, דארף מען זיך משתדל זיין.

**סולם של עליה אסור לטלטלו, שאין עליו תורת כלי.** א לייטער וואס איז געמאכט געווארן ארויפצוגיין אויף א הויכע שטאק, איז שבת גייט מען נישט ארויף. ער זאגט ס'איז געמאכט געווארן ארויפצוגיין אויף די דאך צו טריקענען פרוכט, אזעלכע סארט זאכן, אדער פיקסן עפעס. אסור לטלטלו, ווייל ס'איז נישט קיין תורת כלי. ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'רוקט נישט ארום שבת. מ'רוקט עס א גאנצע וואך אויך נישט. ס'ליגט אויף איין פלאץ. ס'איז אזא סארט זאך וואס אפשר יעצט גראדע איז עס נישט קאנעקטעד און מ'קען עס רוקן אן קיין סותר, אבער ס'איז אזא סארט זאך...

**Speaker 2:** יא, יא, דו ביסט גערעכט.

**Speaker 1:** ס'איז אזא זאך וואס ליגט סטאק. סאו בעצם איז עס נישט קיין בנין, אבער ס'איז ווי א מחובר לקרקע, אזא סארט זאך. ס'איז געמאכט צו זיין, נישט געמאכט צו רוקן. ס'איז געמאכט צו ליגן אויף איין פלאץ, און מיט דעם גייט מען אויפ'ן דאך.

אבער **של שובך** איז געמאכט ארומצורוקן פון איין שובך. שובך'ן זענען קליינע פלעצער ווי מ'מאכט פאר פייגלעך, פייגל הייזקעלעך. און דאס איז געמאכט ארומצורוקן די לייטער, גיין פון איין שובך צו די אנדערע, און מיט די לייטער מעג מען עס צוריקן. **אבל לא יעלה כן משובך לשובך**, שבת איז מען נישט ביזי מיט קיין שובכים, ער טאר נישט גיין מיט די לייטער צו טשעקן די שובכים. אפילו לאמיר זאגן ער וויל טון א דבר המותר, ער וויל געבן צו עסן פאר די פייגלעך, **שמא יזדמנו לו גוזלות**, וואס זאל ער דאס אויך נישט טון, **שלא יעשה כדרך שהוא עושה בחול ויבוא לצוד.** אויב ער וועט דאס טון באופן חול, האבן מיר מורא אז ער וועט זיין ביזי מיט די פייגלעך, ער וועט קומען צו ציידה.

#### דיסקוסיע: וואס מיינט "בדרך הטיה ולא בהלוך"?

**Speaker 1:** ער זאגט אז מען מעג עס מאכן גיין לשובך לשובך, אבער נאר **בדרך הטיה**, נישט **בהלוך**. דאס מיינט אז מטלטל איז עס מותר, אבער עס לייגן אויף די שובך און קער נעמען פון די שובכים אזוויוי ער טוט אין די וואכן, דאס טאר ער נישט, ווייל ער וועט קומען צו ציידה.

**Speaker 2:** ס'ליגט יעצט ביי איין שובך, איך מעג עס מטה זיין צו אן אנדערע שובך, אבער נישט אויפהייבן און רוקן? אדער איך מעג עס נאר נעמען צו אן אנדערע פלאץ, נישט צו א שובך בכלל?

**Speaker 1:** מיר וואלט עפעס אויסגעזען פון די לשון אז מען מעג טון עפעס ביי די שובך, מען דארף עס נאר טון מיט א שינוי.

**Speaker 2:** ניין, איך מיין אז אינמיטן די וואך איז דא א סדר, ער גייט מיט די לייטער פון איין שובך צום צווייטן און ער טוט זיין זאך. שבת נעמט מען נישט קיין קער פון די שובכים, אז מען גייט ארום און מען טשעקט יעדע שובך, ווייל דעמאלטס יבוא לצוד. ער זאגט אבער אז ס'איז דא אן עצה, מ'מעג, נאר ער וועט עס טון מיט א שינוי, ער איז מטה. מטה להטותה ולא יוליכה, איך ווייס נישט וואס ער מיינט, ער שטיפט עס און... איך ווייס נישט, איך מיין אזוי וואלט איך געטראכט, אבער אפשר בין איך ראנג. ס'שטייט נישט אזוי.

**Speaker 1:** ער טייטשט עפעס אז מען מעג עס רוקן צו אן אנדערע פלאץ, אבער נישט צו אן אנדערע שובך. א קיצור, ס'איז א נייע איסור אז מען דרייט זיך נישט ביי שובכים. יא.

### קנה שמוסקין בו הזיתים

ווייטער, **קנה שמוסקין בו הזיתים.** א קנה האבן מיר שוין געהאט אפאר מאל דעם קנה. קנה איז א שטרוי. מען נוצט עס ביים אראפנעמען די זיתים. דו זעסט ווי מ'לייגט עס ארויף אויף די זיתים און מ'שלעפט אראפ די זיתים, אדער עפעס אזוי. **אם יש עליו תורת כלי**, אויב האט עס א תורת כלי, ס'שטייט אז אויב איז עס א קנה וואס מ'נוצט שוין פאר דעם, איז ער ראוי **ככלי שמלאכתו לאיסור**, און מ'קען עס נאר ניצן **לצורך גופו ומקומו**, ווייל מ'טוט דאך נישט אראפנעמען זיתים שבת. דאס איז דער דין. מ'מעג עס נוצן לצורך גופו ומקומו.

ס'שטייט אז א קנה וואס מ'נוצט נישט פאר זיתים, איז מותר צו מאכן מיט איר גופו. מ'נוצט עס פאר גארנישט, ס'איז נישט קיין כלי, ס'איז סתם א שטיקל האלץ. אויב מ'נוצט עס פאר זיתים, ווערט עס א כלי. דער רמב"ם איז נישט מסביר וואס דאס ווערט תורת כלי. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ער זאגט עס איבער ווי "אם יש עליו", אדער מ'האט עס שוין גענוצט אמאל, אדער... מ'דארף ווייסן, אויב מ'האט עס געניצט, אז ס'דארף שוין גענוג האבן בתמיכה, ס'דארף קענען טון א מעשה אין דעם. ער זאגט נישט. אבער דער נעקסטער זאגט ער יא מער.

### קנה שהתקינו בעל הבית ליסב פתח מנעול בו

**"קנה שהתקינו בעל הבית"** - א קנה איז... יא, די זעלבע זאך. קנה, יא, קנה, נאך א קנה. די שטרוי וואס מ'קען נוצן אזוי ווי א שלאס, אריינצולייגן אין דעם ריגל. **"שהתקינו בעל הבית ליסב פתח מנעול בו"**, אריינצושטעקן אין דעם ריגל צוצומאכן די טיר, **"אם יש עליו תורת כלי או לאו"** - אויב האט עס אויף זיך א תורת כלי. פשט, דאס האט דער בעל הבית האט עס ארויפגעלייגט ליסב פתח מנעול בו, מאכט עס נאך נישט פאר א תורת כלי. אויב נישט, וואלט מען נישט געטארט עס... ער זאגט אבער נישט וואס. **"הרי הוא ככלי שמלאכתו לאיסור"**. ער דארף עס אנגרייטן, איך ווייס נישט, ער דארף עס מאכן שיין, אדער פעינטן, עפעס דארף ער טון.

#### דיסקוסיע: פותח ונועל בו - טלטול אדער שימוש?

**Speaker 2:** פשט, צו שפארן גייט מען ווייל מ'מעג, אפילו ווען ס'איז אסור בטלטול גייט מען מעגן צו שפארן. ווייל ס'איז דאך געלערנט אויך ביי א טיר, אז א טיר טאר מען נישט מטלטל זיין, ס'מיינט אז מ'טאר נישט צומאכן די טיר.

**Speaker 1:** יא, ווען ס'איז נאך אין די טיר. אבער א קנה שהתקינו מיינט לכאורה אז ס'איז נישט געטון עפעס. ס'ליגט דארט.

**Speaker 2:** ס'ליגט דארט, זייער גוט. סאו אויב מ'טאר נישט מטלטל זיין, טאר מען נישט טארן. איך ווייס נישט אויב דאס הייסט מטלטל זיין. מטלטל זיין מיינט לכאורה אז מ'טאר נישט ארומרירן, אבער אזוי עפענען א טיר אדער... א פענסטער איז אסור בטלטול, מ'מעג אבער אויפמאכן די פענסטער שבת. א פענסטער איז אסור בטלטול ווען ס'פאלט אראפ.

**Speaker 1:** רייט, פשט. אבער אויף די ציר, דאס הייסט נישט געטראגן, ווען מ'מאכט אויף די ציר, אויף די פלאץ איז צוליב... אבער איך מיין אז ס'ליגט דארט נעבן די טיר, נישט אז ס'ליגט אין די טיר.

**Speaker 2:** אבער רבי, דאס איז א שאלה פון די מציאות.

**וואס מיינט "תורת כלי"?**

**Speaker 1:** אבער די תפארת ישראל איז דאך, דער רמב"ם איז נישט מסביר וואס טייטש "אם יש עליו תורת כלי". איך מוז דיר פרעגן א סעקונדע. דער פוינט איז, די מגיד משנה, עס איז דא א מחלוקת וואס טייטש תורת כלי. די מגיד משנה אין די פריערדיגע פרק ווענן דעם מצחן, צו מ'דארף קוקן דארט. ס'קען זיין אז די תוספות זאגן אז ס'מיינט אז ס'דארף זיין ראוי פאר אן אנדערע שימוש, מ'דארף עס קענען נוצן. אזוי מיין איך ברענגט די מגיד משנה אין די פריערדיגע פרק. מ'דארף קענען טון מיט דעם עפעס אנדערש. אזוי ברענגט די מגיד משנה דארט. אנדערע זאגן אז מ'דארף קענען טון עפעס א מעשה, מ'דארף עפעס מאכן עפעס א קראץ אין דעם קנה, דאס מיינט, ווען מ'נוצט עס פאר א שלאס מאכט עס נאך נישט פאר א כלי. דאס איז זיכער אז ס'איז נישט גענוג, ווייל דאס טייטש "אין ביטול תורת כלי". די גמרא איז אויך קלאר אז ס'איז דא אפשר א שיטה וואס זאגט אז ס'איז גענוג, אבער ניין.

אבער איך בין געדענקט אז די שאלה איז נישט צו מ'מעג זיין פותח ונועל בו, נאר צו מ'מעג עס נוצן פאר כלי שמלאכתו לאיסור פאר אנדערע זאכן. ווייל פותח ונועל בו וואלט לכאורה געווען אזיווי לצורך גופו ומקומו וואס מ'מעג סתם אזוי.

**Speaker 2:** אה, דאס איז וואס דו האסט געוואלט מיקסן. ווייל אויב ס'איז גופו וואלט מען גארנישט געטארט טון. אויף די טיר, דאס הייסט נישט מיטלטל זיין, אזוי מיין איך. אזיוויי איך זאג דיר, א טיר וואס איז געווען...

**Speaker 1:** אקעי, דאס איז אין ריאליטי. ס'איז נישט קלאר וואס ער מיינט בכלל מיט "שכינה ליתא פותח ונועל בו". אפשר מיינט ער אז ס'איז מיט די בריטשעטשע אויף א טיר, אדער אזוויי דו האסט געזאגט, מיט די פארמאכטע.

**Speaker 2:** ניין, פותח ונועל בו איז דא צוויי... דו לייגסט אריין במקום פון א שלאס.

**Speaker 1:** וואס מיינסטו א מקום פון א שלאס? אזיווי א ריגל?

**Speaker 2:** א ריגל. א הוק איז נישט גענוג שטארק. דו קענסט אריינלייגן עניטינג.

**Speaker 1:** ניין, ס'האלט צוזאם די צוויי, דו קענסט לייגן א שטריק, ס'האלט צוזאם די צוויי. אין די לאך וואו דו קענסט אריינלייגן א שלאס, לייגסטו אריין די הוק. אפשר איז אמאל געווען אזא זאך. דאס אליין האט נאך נישט געמאכט די זאך פאר א כלי. אפילו מ'נוצט עס פאר עפעס, דארף מען נאך האבן עפעס מער אז ס'זאל ווערן א כלי.

לא ברור לי וואס ס'טייטש. איך זע אז נישט יעדער איינער איז קלאר וואס ער מיינט.

**דלת שיש לה ציר / שאין לה ציר**

אקעי. **דלת שיש לה ציר.** א טיר וואס האט א ציר, וואס האט א... ס'האט א ציר. א הינדזש. אבער נישט א היינטיגע הינדזש, ער זאגט נאר אזא שטעקן וואס שטעקט זיך אראפ, אזוי מיין איך. **אפילו שאין לה עתה ציר,** אפילו אויב יעצט האט עס נישט קיין ציר, אבער די דלת האלט זיך נאך דארטן, **שכינה ליתא במקום מוקצה.** שכינה ליתא במקום איז מוקצה.

**Speaker 2:** ניין, שכינה ליתא במקום מוקצה. אז די טיר... אה, מ'האט עס געלייגט ביי א מקום מוקצה? מ'האט עס געלייגט ביי די... ביי די טירן, א טיר.

**Speaker 1:** סאו, די דלת איז פאר א פלאץ וואס איז נישט קיין פלאץ צו נוצן, אזוי מיין איך. מקום מוקצה הייסט נישט קיין פלאץ וואס מ'נוצט כסדר, דעמאלטס איז עס נישט דא צו נוצן. דאס ווארט מוקצה דא מיינט נישט מוקצה מחמת איסור טלטול. א מקום וואס איז מוקצה מדעתך, וואס דו נוצסט נישט. נאר אויף די היינטיגע שפראך, אפשר אין די פסקי תשובות, אין די רמ"א, קיינמאל נישט. ניין. מוקצה האט מען אלעמאל אוועקגעלייגט.

הרי הקצה אותן מלטלטלן געווען פריער, ער האט זיי מקצה געווען, און ממילא איז עס אסור. מוקצה איז א זאך פאר מענטשן, נישט א זאך וואס די תורה טוט.

**דלת שאין לה ציר, ואף על פי שאינה עומדת לציר,** יעצט האט עס נישט קיין ציר. **שכינה ליסטים במקום מוקצה,** האט ער עס געלייגט נישט ביי א פלאץ וואו מ'גייט, נאר ערגעץ ווי אין די, איך ווייס, אין די חצר האט ער א פלאץ.

**דלת, נגר, ומנורה של חוליות — סימנים המורים על תורת כלי**

**דלת שהיה לה ציר — טיר, חרקים, ומחצלאות**

**Speaker 1:**

ניין, מוקצה מיינט אלעמאל אוועקגעלייגט. הרי הקצה אותן מלטלטלן געווען פריער, ער האט זיי מוקצה געווען, און ממילא זענען זיי אסור. מוקצה איז א זאך וואס א מענטש טוט, נישט א זאך וואס די תורה טוט.

**דלת שהיה לה ציר, ואף על פי שאין לה ציר,** יעצט האט עס נישט קיין ציר. **שהניחה לשם במקום מוקצה,** מ'האט עס געלייגט נישט ביי א טיר, ביי א פלאץ וואו מ'גייט, נאר ערגעץ וואו אין די, איך ווייס נישט, אין די חצרות, אין א פלאץ וואו ס'שטייט די סחורה. **הרי היא כרעש שאין עליה איסור כלל,** און יעצט האט עס נישט קיין ציר. סאו יעצט, וויאזוי נוצט מען עס יעצט? יעצט איז עס א טיר וואס מ'הייבט אויף און מ'לייגט עס דארט וואו מ'דארף צושטאפן אן אפענע... מ'נוצט עס יעצט צו צושטאפן א פלאץ פון א טיר. יא? א טיר, יא, די טיר וואס איז געווארן דיסקאנעקטעד, און יעצט הייבט מען עס אויף און מ'לייגט עס ביי די ליידיגע לאך פון די טיר.

אקעי. איז אזוי, **וכן**, ער גייט שוין זאגן וואס איז די הלכה. ביז יעצט האט ער פארציילט די מעשה. **וכן חרקים שסותמין בהם הפרצה,** שטיקלעך האלץ וואס... קוצים, מ'ווייסט אז ער האט שטעכעדיגע שטיקלעך האלץ, און ס'איז דא א פרצה אין, לאמיר זאגן, אין די געיט פון זיין גארטן, לייגט ער דארטן שטעכעדיגע שטיקלעך אלס א טיר, אלס א פענסטער, אלס א טיר צוצומאכן די פרצה, אז מ'זאל נישט קענען אריינגיין דארטן. **וכן מחצלת הנגררת,** א מחצלת וואס מ'שלעפט אויף די ערד כדי צוצושפארן אן אפענע פלאץ, צוצושפארן א פענסטער אדער וואס.

איז אזוי, די אלע זאכן, **בזמן שהן קשורות ותלויות בכותל,** ווען ס'איז צוגעבינדן און ס'הענגט אויף די וואנט, **סותמין בהן,** מ'מעג צושטאפן, ווייל מיט דעם וואס ס'איז צוגעבינדן צו די... לעבן די טיר אדער לעבן די אפענע פענסטער, ס'איז צוגעבינדן, איז געמאכט אז די צוגעבינדן ווייזט אז דאס איז א טיר וואס מ'נוצט. **ואם לאו,** אויב ס'איז נישט צוגעבינדן, נאר סתם דו גייסט יעצט שלעפן א גרויסע שטיק האלץ צו מאכן א טיר, **אין סותמין בהן,** מ'טאר נישט צושטאפן מיט דעם. דאס איז אלעס ווען ס'ליגט אויף די פלאר. אויב וואו מור געווען מיט די ארץ, אויב ס'ליגט אויפגעהאנגען געווארן מיט די ארץ איז יא סימן, איז יא זייער קלאר אז דאס איז געמאכט געווארן און

ס'ליגט דא צו פארשטאפן די פענסטער אדער די טיר, איז אין אלע אופנים מעג מען יא עס נוצן צוצושפארן די טיר.

אקעי.

**Speaker 2:**

שטימט?

**Speaker 1:**

יא.

**דיון: וואס איז דער ענין פון מקום מוקצה דווקא?**

**Speaker 2:**

וואס איז די ענין פון מקום מוקצה דווקא? ס'טייטש ווען ס'וואלט נישט געווען ליגט עס אין א מקום מוקצה וואלט עס געווען מותר ווייל מ'נוצט עס פאר א מקום וואס איז נישט מוקצה?

**Speaker 1:**

אזוי זעט אויס, יא.

אקעי, אינטערעסאנט. ווייטער, דלת, די גאנצע פראבלעם איז אז נישט די טיר איז מוקצה, ווייל דו האסט נארמאל א טיר, דארט גייסטו אריין און ארויס, קענסטו זאגן אז די טיר איז מוקצה ווייל ס'איז נישט צוגעבינדן? ס'איז דאך געמאכט פאר דעם.

**דלת שהיא לוח אחד — א טיר פון איין ברעט**

**Speaker 1:**

**דלת שהיא לוח אחד**, א דלת וואס איז נישט צוזאמגעשטעלט פון אסאך שטיקלעך האלץ צוזאמגענאגלט, נאר ס'איז א לוח אחד, א גרויסע שטיק האלץ, **שנשמטה ונועלה בו**, מ'נעמט עס אוועק פון די ליידיגע פלאץ פון די חלל הפתח און מ'לייגט עס צוריק צו די חלל הפתח.

אזוי, **אם לא היה לו למטה כן כמו אסקופה**, אויב האט עס נישט אונטן עפעס אן עקסטערע שטיק האלץ וואס אויף דעם ליגט עס אז די טיר זאל ליגן באקוועם, כמו אסקופה, אזוי ווי אן אסקופה איז די שוועל פון די טיר, די זאך וואס ליגט אונטן פון די טיר וואו מ'וואקט ארויף, **שהמחזיק עליו שיקלו מלינעול אינו נועלין בו**. איך מיין אונטן, אז די טיר זאל זיך האלטן שטייענדיג האט עס פון אונטן אזוי ווי א סטענד, אז ווען מ'לייגט עס אריבער זאל עס נישט אראפפאלן. ס'איז פון אונטן איז עס דיק און נאכדעם איז עס א שמאלערע, און דאס ווייזט, דעי שטיקל ווייזט אז ס'איז א דלת, נישט א דלת, דאס מאכט עס פאר א כלי וואס מ'נוצט פאר צוצושפארן טירן.

**דיון: וואו ליגט די אסקופה?**

**Speaker 2:**

סאו די אסקופה איז אויף די דלת אדער אויף די טיר, אויף די פתח?

**Speaker 1:**

ניין, כן כמו אסקופה. ער האט אונטן, די טיר איז א שטיק האלץ, אבער אונטן האט עס א ברייטערע אז ס'זאל ליגן גוט.

**Speaker 2:**

איך פארשטיי וואס דו מיינסט, איך פרעג דיר, דאס ליגט אויף די טיר, אויף די ברעט?

**Speaker 1:**

אונטן פון די טיר איז דא א ברייטערע ברעט. ס'איז א שמאלע ברעט און אונטן איז דא א ברייטערע ברעט. זאלן האלטן זיך שטארק. אויב האט עס נישט אזא זאך איז אין האלבן בוי. אויב האט עס אזא זאך קען מען, מעג מען, ווייל דאס ווייזט אז ס'איז א כלי. אבער אויב האט עס נישט די זאך איז עס נישט קיין כלי און אין האלבן בוי.

**נגר שיש בראשו גלוסטרא — א שפאר-שטעקן מיט א קנויף**

**Speaker 1:**

**וכן נגר שיש בראשו גלוסטרא**, נגר איז א שטיק אייזן, לאמיר זאגן א שטיק מעטאל וואס מ'וויל נוצן צו מאכן אן אנשטאט א שלאס, אזוויא א שלאס איז א שטיקל אייזן וואס מאכט אז די צוויי שטיקלעך פון די טיר און פון די וואנט זאלן זיך האלטן, יא, מ'זאל נישט קענען עפענען, אזא סארט זאך. איז אויב האט עס בראשו גלוסטרא, אז אויבן האט עס א גראבערע שטיקל, מיר האבן נישט א פיקטשער דא, אבער אויבן, גלוסטרא מיינט פשוט אויבן איז עס דיק, אויבן איז דא א קאדור, וואס דאס מאכט אז ס'זאל נישט ארויספאלן, אזוויו א... בקיצור, דו דארפסט קענען מסביר זיין, יא, איז אזוי, אזא שטיקל האלץ נוצט מען צו פארשפארן די טיר, וואס דאס איז ימחה על שלשה כלי מוכן לעולה, והיינו קורין גשאר גויס, נישט סתם א שטיקל האלץ, לאמיר זאגן ער נעמט א שטיקל האלץ און ער לייגט עס אריין צו פארשפארן די טיר. אויב העכער די האלץ האט עס אזא גראבע שטיקל, ווייל דו ווייסט אז ס'איז נישט סתם א שטיקל האלץ, נאר ס'איז געמאכט באקוועם אז מ'זאל קענען צושפארן די טיר, איז אין האלבן בוי בשבת. אבער אויב האט עס נישט די גלוסטרא, הייסט עס סתם ווי דו נעמסט א שטיקל האלץ, און דאס טאר מען נישט טון, ווייל ס'איז נישט געמאכט פאר א כלי, ווייל ס'איז געווען מוקצה מחמת גופו.

**דיון: א פראקטישע מעשה מיט א נגר**

**Speaker 2:**

סאו איך האב אזא שטיקל ביי מיין בעק טיר, ביי די ברייטע טיר, ווייסט וואס ס'מיינט? אזא שטיקל האלץ וואס מ'לייגט, מ'שטעקט אריין, אזוי קען מען עס נישט עפענען, יא, ס'איז ווי א שלאס. מ'דארף עפעס טון מיט דעם יום טוב.

**Speaker 1:**

זאלסטו זען, קוק, איך גיי דיר זאגן די עצה. וואס טוט זיך מיט א נגר שאין בראשו גלוסטרא, און וויאזוי קען מען עס נוצן? **אם היה קשור ותלוי בדלת**, אויב ס'איז צוגעבינדן און ס'הענגט ביי די טיר, איז ווייטער ווייסט אז דאס איז געמאכט פאר די טיר, און אין האלבן בוי מעג מען צושפארן. ס'איז אביסל אינטערעסאנט די לשון, ער זאגט נישט דא די ווארט כלי, ער זאגט אז אפילו ס'ווערט נישט קיין כלי איז אין האלבן בוי, ווייל וואס ס'הענגט. וואס איז די ווארט? וואס איז מיועד פאר די זאך? ס'טייטשט אבער אוועקנעמען פון דארטן און נוצן פאר אנדערע זאכן. ס'איז נישט געווארן יעצט א כלי אז ס'הייסט שוין א כלי, ס'האט נישט באקומען תורת כלי. זאכן וואס האבן א תורת כלי מעג מען נוצן אויך פאר אנדערע זאכן. ער זאגט נאר אין האלבן בוי, מעג מען עס נוצן דא אויף די טיר.

**וכן אם היה דקר ואגודו עמו**. לאמיר זאגן ס'איז צוגעבינדן, אבער ווען מ'בינדט עס צו קומט עס מיט.

**Speaker 2:**

אהא.

**Speaker 1:**

דעמאלטס מעג מען עס נוצן. **אבל אם היה אגודו קבוע בדלת, והיה הנגר נשמט כמבוי קורה**, סו, דער איגוד, ווען מ'לייגט אריין דעם קורה גיט מען עס א בינד צו מיט עפעס אן איגוד. אויב דער איגוד איז ביי די דלת, אבער דער נגר קומט ארויס אינגאנצן, **מניחו בזווית וחוזר ונועלו בו בשעה שירצה, הרי זה אסור לנעול בו, שאין עליו תורת כלי, והרי הוא אגד, והרי הוא כעפר הארץ**. ווען ס'האט מיט זיך די איה, די שטריק וואס ס'קאנעקט עס מיט די טיר, און ס'ווייזט אז ס'איז א חלק פון די טיר, דעמאלטס מעג מען עס נעמען. אבער אויב ס'האט נישט די שטיקל, טאר מען נישט.

**דיון: וויאזוי טרעפט מען א היתר היינט?**

**Speaker 2:**

אינטערעסאנט. מ'דארף טרעפן עפעס אן אנדערע היתר. אפשר אויב מ'פענט עס. איך מיין, וואס איז די קליסטרא? ס'איז א זאך וואס איז ניכר, רייט?

דאס איז די עיקר. ס'איז נישט א זאך וואס איז פאנקשענעל דוקא. ס'שטייט גאנץ ספעציפיק וועלכע מין ניכר. ס'שטייט נישט סתם ניכר. ס'איז געווען א מנהג, ווי דער רמב"ם ברענגט, צו מאכן א קליסטרא אויף א זאך וואס איז געמאכט פאר דעם, אדער צוגעבינדן. דאס איז אלעס תלוי אין מנהג, נייין?

### Speaker 1:

ס'שטייט דאך אזוי, ס'איז אלעס זייער ספעציפיק, אבער זייער ספעציפיק וויטאין א קאנטעקסט. ס'איז דא דריי סארט נגרים וואס מ'נוצט פארשפארען טירן. די מעג מען, די מעג מען נישט. אבער דו זאגסט אז איינער וויל נעמען די זאך און עס נוצן פאר עץ, ס'איז נישט קיין נגר און ס'איז נישט קיין קליסטרא. דארפסטו טרעפן אין די היינטיגע לענגווידזש.

אבער יא, מ'פארשפארט א טיר מיט א שטיק האלץ. אבער סתם ארויסנעמען א שטיקל האלץ וואס דו האסט יעצט געטראפן טאר מען זיכער נישט. אויב ס'איז מיוחד פאר דעם, דארפסטו וויסן צו ס'שטימט. ס'הייסט אזוי ווי קבוע ותלוי. ס'שטייט דאך קשור ותלוי. ס'איז נישט גענוג. ס'דארף זיין עפעס קנויעמדיג. אדער ס'איז א קליסטרא. אויב ס'איז א קליסטרא, איז עס מוכר. ס'איז, מ'זעט אז ס'איז פונקט, לאמיר זאגן, ס'איז פונקט געשניטן, פונקטליכע סייז פאר מיין טיר. דו קענסט זאגן אז היינטיגע צייטן, וואס ס'וואלגערט זיך נישט קיין העלצער, סתם אזוי, ס'ליגט דארט א האלץ גלייך לעבן דעם, און די גאנצע מציאות איז ווען איבעראל וואלגערן זיך שטיקלעך חרס און שטיקלעך האלץ. אז א מענטש האט נישט סתם אזא שטיקל האלט לעבן דערצו, נאר פאר דעם, אפשר דארף מען האבן א מטה. דארף מען וויסן... יא.

אלרייט.

**מנורה של חוליות — א מנורה פון צוזאמגעשטעלטע שטיקלעך**

### Speaker 1:

נאך א זאך. **מנורה של חוליות.** א מנורה וואס איז צוזאמגעשטעלט פון שטיקלעך. יא, וואס איז די הייליגע מנורה של חוליות וואס איז אויף דעם? אה, ניין, יענץ איז די טנא של החנווני. יא, מ'דארף האבן אזא סארט זאך, עפעס וואס איז צוזאמגעשטעלט פון שטיקלעך. חוליות איז די חוליות שבשדרה. יא, די שדרה האט מען אויך צוזאמגעשטעלט מיט די טריק פון שטיקלעך, פון עקסטערע ביינער וואס דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט מיט איין לאנגע שדרה. יא.

איז **בין גדולה בין קטנה, אין מטלטלין אותה.** פארוואס? **שמא יחזירנה בשבת.** ס'איז דאך צוזאמגעשטעלט פון שטיקלעך, און צוזאמשטעלן די שטיקלעך בשבת איז א בונה, בונה דאורייתא אדער בונה דרבנן? יא, יא, מיר האבן געלערנט וועגן דעם. ס'הייסט בונה. איז טאר מען עס נישט נוצן אפילו נישט בונה צו זיין, מ'טאר עס נישט נוצן, נישט מטלטל זיין פאר אנדערע זאכן. א גמרא זאגט דאך א כלי שמלאכתו לאיסור, אפשר וואלט מען געדארפט נוצן לצורך גופו ומקומו, אבער ס'איז דא א נייע גזירה, נישט משום רעגולערע הלכות טלטול, נאר אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט משום בונה, איז דא דא שמא יחזירנה בשבת.

**מנורה שנראית כבת חוליות — א מנורה וואס זעט אויס ווי חוליות**

### Speaker 1:

**היו בה חקוקין,** אויב די מנורה של חוליות איז דא, וואס די מנורה איז מנורה גדולה, **היו בה חקוקין** וואס האט קריצן, **ונראית כבת חוליות,** דאס הייסט ס'איז נישט באמת צוזאמגעשטעלט פון חוליות, נאר ס'זעט אויס ווי חוליות, **אם גדולה ונטילתה קשה, אסור לטלטלה,** ווייל ס'איז צו גרויס. ס'הייסט נישט קיין כלי, ווייל ס'איז עפעס וואס ווען ס'איז זייער גרויס קען מען עס נישט נוצן פאר א כלי. אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט אויף דעם מחמת כובדו אויף די כלי עץ, נוצט מען עס נישט. **ואם היא קטנה מזו,** אויב ס'איז קלענער ווי די ניטלת בשתי ידיים, ווייל דעמאלטס נוצט מען עס קיינמאל נישט ווי א כלי, נוצט מען עס נאר אלס ווי א מנורה. אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט ביי די כלים פון די עץ, מחמת כובדו נוצט מען עס קיינמאל נישט.

**דיון: צוויי באזונדערע פראבלעמען**

### Speaker 2:

דער גאנצער פראבלעם פון די מנורה של חוליות איז דאך שמא יבוא לבנות, רייט?

### Speaker 1:

ניין, אבער יעצט זאגט ער א נייע זאך. אפילו ווען ס'איז נישט דא די חשש פון שמא יבוא לבנות, איז דא א נייע זאך, אז א מנורה וואס איז סיי ס'איז צוזאמגעשטעלט פון אסאך שטיקלעך און סיי ס'איז זייער גרויס...

### Speaker 2:

ניין, אויב ס'איז נישט געמאכט פון חוליות, נאר ס'איז חדשים.

### Speaker 1:

פריערדיגע... נאכאמאל. א מנורה של חוליות איז נישט קיין חילוק אויב ס'איז קליין אדער גרויס, ווייל דו קענסט עס טאקע מיט האלטן. טאמער ס'איז נישט אמת'דיג של חוליות, נאר ס'נראה כאילו זי האט חוליות, ווייל מ'האט נישט געוואלט... פארוואס נוצט מען נישט קיין גרויסע מנורות? א נייע דאך וואלט מען נישט געדארפט אנקומען צו די גאנצע חוליות פריער. אזא נייע דאך איז א גרויסע מנורה טאר מען נישט נוצן. ניין, ער איז מסביר עפעס אז ווען ס'איז דא...

**הלכות שבת: טלטול כלים ומוקצה - פרטים נוספים**

**הלכה יא: מנורה של חוליות (המשך)**

**Speaker 1:** ניין, זי איז נישט צוזאמגעשטעלט פון שטיקלעך, אבער זי האט הדקים.

פריערדיגע... נאכאמאל. א מנורה של חוליות איז נישט קיין חילוק אויב זי איז קליין אדער גרויס, ווייל עס קען זיין אז זי איז טאקע מיטאלטן.

טאמער זי איז נישט אמת'דיג של חוליות, נאר נראית כשל חוליות, א פעיק חוליות כלי, דעמאלטס איז דא א חילוק צווישן גרויס און קליין. פארוואס? מ'נוצט נישט קיין גרויסע מנורות.

א נייע הלכה דעמאלטס וואלט מען נישט געדארפט אנקומען צו די גאנצע חוליות פריער. ס'איז א נייע הלכה אז א גרויסע מנורה טאר מען נישט.

**Speaker 2:** ניין, ער איז מסביר עפעס אז ווען ס'האט די הדקים, ס'זעט אויס ווי דער בעל הבית איז חושש, אבער אויב זי איז גרויס, וועט קיינער נישט טראכטן אנדערש, יעדער וועט מיינען אז ס'איז א מנורה של חוליות. אויב זי איז קליין, פארוואס? איך ווייס נישט.

מ'דארף וויסן די ריעליטי פון די מנורה. א מנורה של חוליות, זי ליגט אין הויז נישט ווי א כלי נאר ווי... איך ווייס נישט. אקעי.

**הלכה יב: מנעל שעל גבי אימום**

**Speaker 1:** מנעל שעל גבי אימום. אן אימום איז א כלי וואס אויף דעם לייגט מען די שיך, מ'לייגט אויף דעם די לעדער און אויף דעם פארעמט מען אויס די שיך אדער וואס.

**שולטלו בשבת** — מעג מען ארויסשלעפן די שיך, אראפנעמען די שיך פון די אימום בשבת.

פארוואס זאל מען נישט מעגן? ווייל... מ'מעג טאקע. פארוואס זאל מען נישט מעגן?

**Speaker 2:** ער מיינט דא די ערשטע מאל ווען די שיך ווערט יעצט געענדיגט?

**Speaker 1:** ניין, מ'רעדט יעצט פון הלכות טלטול לכאורה. מיר האבן שוין געזען אין די הקדמה פון די רמב"ם אין פרק כ"ג אז איינע פון די ריזענס פון איסור טלטול איז אז כלי שמלאכתו לאיסור, ס'קומט צו טון אן איסור.

ס'איז נישט אזוי פאני אז מ'טוט אין די הלכות טלטול אלע מיני זאכן וואס מ'איז שוין בונה וכדומה, רייט?

**Speaker 2:** רייט.

**דער ביאור: כלי שמלאכתו לאיסור**

**Speaker 1:** ס'קען זיין אז די ווארט איז אזוי, די אימום איז א כלי שמלאכתו לאיסור, יא, ס'איז א כלי וואס מ'נוצט צו מאכן שיך, ס'איז עפעס וואס מ'טוט מיט דעם איינע פון די ל"ט מלאכות פון מעבד זיין די עור אדער וואס.

איז ווען ער נעמט אראפ די שיך, רוקט ער אביסל די אימום. אבער הואיל והוא אינו מתכוין, ער טאטשט נישט, ער איז מתעסק בעיקר אין זיין שיך, מעג ער עס שלעפן מיט זיך, מעג ער עס אראפשלעפן אפילו ער האט אויף דעם, ער מאכט מיט דעם עפעס א...

אבער שלעפן מיט זיך איז א צווייטע זאך. ס'אראפשלעפן, נישט אויפהייבן די אימום און עס שוין זאגן. אויב קען מען עס אראפשלעפן פון די אימום אן מאכן עקסטערע טלטולים אויף די אימום מעג מען.

אבער ער זאגט בכלל אנדערש, ער זאגט אז די אימום הייסט א כלי שמלאכתו לאיסור, און ממילא מעג מען. נישט אז ס'איז אזוי ווי א מוקצה מחמת גופו אדער מחמת חסרון כיס, נאר ס'ליגט דארט אייביג, און ממילא מעג מען עס נאר ווייל דו טאטשסט נישט די אימום, דו טאטשסט נאר די שיך.

ער זאגט אז ממילא מעג מען טאטשן די אימום ארויסצונעמען די שיך.

**מכבש של בעלי בתים**

**מכבש** — א פרעס של בעלי בתים, א פרעס וואס מענטשן האבן אינדערהיים צו גראד מאכן מלבושים, צו ביגלען מלבושים.

**מתירים** — מעג מען לוסענען די מכבש כדי ארויסצונעמען. דהיינו, מ'לייגט ארויף למשל צוויי העלצער, מ'לייגט איינס אויף די אנדערע, און מ'לייגט עס צו מיט עפעס, מעג מען עפענען די וואטעווער האלט זיי צוזאם, כדי מ'זאל קענען ארויסנעמען די כלי.

אבער מ'טאר נישט טון פארקערט, מ'טאר נישט אראפלייגן די מכבש, ווייל ס'איז א תיקון כלי, יא, ס'איז ביגלען די כלים. מ'טאר נישט זיין ביזי שבת מאכן בעסער די כלים. האבן נישט קיין דאורייתא, אבער ס'איז עפעס א דרבנ'דיגע מתקן זיין כלים.

**Speaker 2:** אפשר איז ער מתקן די מכבש?

**Speaker 1:** ניין, מתקן די כלים, אין דעם וואס ער לייגט עס אריין אין די מכבש. ער ביגלט יעצט א כלי, ער גראדט אויס א כלי.

**Speaker 2:** לויט מיין פריערדיגע לימוד טאר מען אפילו נישט מקפל זיין.

**Speaker 1:** רייט, סאו אפשר רעדט מען אז ס'איז נישט דא קיין כלים דערין אפשר?

**Speaker 2:** אפשר רעדט מען אז ס'איז נישט דא קיין כלים?

**Speaker 1:** ניין, ניין, ער זאגט "מתירים". די היתר איז די מתירים, אז דו מעגסט ארויסנעמען א כלי, אפילו ס'ליגט, ווייל ס'איז נישטא אזא זאך אז ס'איז מוקצה ווייל ס'ליגט יעצט אין די פרעס.

**מכבש של כובס**

און דאס איז מדובר אין מכבש של בעלי בתים, א שוואכע מכבש. אבער **של כובס** — א גרויסע מעידזשער פרעס וואס באלאנגט פאר די וועשערס, **הרי הוא מוקצה מחמת חסרון כיס**, ווייל דאס נוצט ער נישט, ער נוצט עס נאר, ער שוינט עס, ער זעט אז ס'איז א טייערע מאשין, נוצט ער עס נאר פאר דבר האסור, ער נוצט עס נישט פאר עפעס אנדערש, און דעמאלטס טאר מען עס בכלל נישט עפענען, אויך נישט צו באפרייען כלים דערפון.

**גיזי צמר**

**כן גיזי צמר** — שטיקלעך צמר, **העומד לתלות בהם, להשים מקפיד עליהם** — ער איז מקפיד עס צו האלטן פאר ווען ער גייט דארפן עס נוצן פאר א קלייד.

**לפיכך, אם יחדן** — אויב ער האט עס יא מייחד געווען, אז ער גייט שוין נישט נוצן שפעטער אין זיין ביזנעס, נאר עס איז געאייגנט פאר וואטעווער מ'נוצט עס יעצט, און טאשמע משמע תורים.

**והשולחים עורות**

**והשולחים עורות** — וואס מ'האט אפגעשונדן, וואס מ'גייט שפעטער מאכן דערמיט בגדים, יא, עס איז מותר לענגן ימים, אז זיין ברשותו של בעל הבית, ברשותו של אומן, ווען עס איז שוין איינער מקפיד עליהם.

מ'רעדט דא מסתמא פון קליינע שטיקלעך פון די הויט, נישט די הויט וואס מ'גייט נוצן. ווייל די הויט איז נישט אזוי סענסיטיוו. איך מיין אז די גזירה איז צוליב דעם וואס עס איז אן איידעלע זאך, וואס מ'דארף עס היטן. א הויט איז א הויט. העכסטנס וועט מען עס נוצן, מ'וועט עס קענען עניוועי נוצן נאכדעם צו מאכן דערמיט א... ס'וועט נישט... לעדער איז מן הסתם א שטארקערע זאך, אזוי מאכט סענס, ניין?

**Speaker 2:** יא. אקעי.

**הלכה יג: גרף של רעי**

**Speaker 1:** אה, גייען מיר יעצט דיסקאווערן די זאך וואס מ'האט שוין געזען פריער, וואס הייסט גרף של רעי. יא?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** זאגט ער, **כל דבר מטונף** — א זאך וואס איז מטונף, **כגון רעי, וקיא, וצואה**, וואטעווער די זאכן מיינען, **וכיוצא בהן**, איז אזוי.

קיא מיינט אויך צואה, ניין? צואה פון א בהמה איז טריף? איך מיין אפשר צואה פון א בהמה. קיא מיינט אז מ'ברעכט אויס, צואה איז וואס ס'קומט ארויס.

איז אזוי, **אם הויבך חצר שיש בה** — אויב דער מענטש וואס זיצט אין די חצר, און די דבר מטונף שטערט זיי, האבן מיר מתיר געווען **להוציא לאשפה או לבית הכסא**. ספעציעלע היתר, מ'מעג עס ארויסטראגן ווי מ'דארף עס ארויסטראגן.

און ער זאגט נישט נאר ארויסטראגן אז ס'זאל נישט זיין נאנט צו זיי, נאר מ'טראגט עס שוין, מ'מעג עס שוין טראגן ביז די אשפה אדער ביז די בית הכסא, **וואס דאס איז איהו נקרא גרף של רעי**.

**ואם הויבך חצר אחרת** — וואו מ'דרייט זיך נישט, זאל מען עס נישט... האט מען נישט מתיר געווען עס צו טראגן. נאר וואס דען? **כופין עליהם כלי כדי שלא יצאו קטנים וילכלכו בהם**.

וואס ער גיבט מיר דא עצות, איך האב נישט קיין כח פאר די עצות. ער האט שוין פריער געזאגט אז מ'מעג כופה זיין א כלי.

**Speaker 2:** אמת. אפשר מיינט ער צו זאגן, אזוויוי ער ברענגט, אז ס'איז א היתר צו שלעפן די כלי. אבער בעצם, דער רמב"ם האט משמע געווען פריער אז מ'טאר נישט סתם אזוי רוקן א כלי שלא לצורך כלל, אפילו... אבער למעשה די כלי מעג מען. די שאלה איז, אמת, מ'האט שוין געלערנט פריער אז מ'מעג.

**רעי על פני הקרקע**

**Speaker 1:** **רעי הקרקע אייכעץ על פני הקרקע** — איז **דורס עולות ויורדות**. מ'האט אים גע'פסק'נט ער טאר נישט שטיין און ווייזן אז ער איז עוסק אין הריגה, אבער וואקענדיג מעג ער עס דורס זיין.

וואס איז די ענין? ווייל ס'איז מוקצה? די הריגה איז מוקצה? אדער ס'איז אפשר עפעס אן ענין פון א שווה גומות?

אה, איך מיין אז זיי האבן עס שוין געלערנט אפילו וועגן דעם, א שווה גומות ערגעץ. אויב ער גייט שטיינער ראמען, זעט עס אויס ווי ער מאכט גראד גומות, אבער ווען ער וואקט, אפילו ער טרעט עס מער אן ווי סתם ער וואקט, ער טוט עס מער מיט א כוונה, אבער דאס מעג מען.

**קנוניא — כלי מיט אפר**

**מטלטלין את הקנוניא** — קנוניא איז א כלי וואס אויף דעם האלט מען אפר, דאס איז די כלי וואס ליגט לעבן די אויוון, לעבן די תנור.

מעג מען טלטל'ן **זיינע בני אפרה** — מ'דארף האבן די אש דערפון, און די אש איז מותר צו נוצן, אזוויוי פריער האבן מיר געלערנט אפר וואס מ'האט מייחד געווען צום אינדערהיים.

**אף על פי שיש בה שברי עצים** — ס'איז דא אויך דארטן שברי עצים, ווייל ס'איז א כלי וואס מ'נוצט ביי די אויוון. שברי עצים איז יא, איז נישט ראוי לגארנישט, ער מצמח מגופו.

מעג מען אבער נוצן די קנוניא, **מפני שהיא כגרף של רעי**. די גאנצע קנוניא ווערט אנגעקוקט ווי א גרף של רעי. ער וויל אוועקטראגן די אפר. סא אפילו די שברי עצים איז אסור בטלטול אונז, און נישט קיין גרף של רעי, אבער ווייל ס'איז דא א חלק דערפון וואס איז א גרף של רעי, מעג מען.

**דיסקוסיע: גארבעדזש און גרף של רעי**

**Speaker 2:** סא זייער גוט. סא ארויסטראגן א גארבעדזש פון דערהיים איז לכאורה אויך, ס'איז דא אין די גארבעדזש דא זאכן וואס איז מותר, וואס איז א כלי, ס'איז דא זאכן וואס איז אשפה, וואס איז גרף של רעי, און ס'איז דא זאכן וואס איז בכלל מותר, וואס זאל זיין אזא גרף של רעי וואס איז מותר.

**Speaker 1:** אבער, **אין עושין גרף של רעי לכתחילה בשבת** — מ'מאכט נישט בשבת א פלאץ וואס דארטן זאל זיין גרף של רעי. רייט.

**Speaker 2:** סא וויאזוי מעג מען לייגן זאכן אין די גארבעדזש? ס'איז שוין געווען. רייט. אה, ווייל ס'איז נעשה מאליו.

וואס מיינט אין עושין? מ'טאר נישט טון צו, און מ'טאר נישט מאכן א... אני ווייס נישט. מ'דארף גיין אין בית הכסא לכתחילה. וויאזוי ווערט עס א כלי?

אני מיין אז... אין עושין מיינט אזוויוי מייחד זיין, אזוויוי... דאס הייסט, אין אנדערע ווערטער, די היתר איז נאר נאכדעם וואס ס'איז דא א גרף של רעי מעגסטו עס ארויסטראגן. אזוויוי מיר האבן געלערנט פריער, אז למשל לייגן א כלי אונטער א מקום הטינוף טוט מען נישט, ווייל דעמאלטס ווערט דאס א גרף של רעי, און מ'טוט נישט טון לכתחילה, רייט?

אני הער אז אין עושין גרף של רעי מ'טאר נישט מייחד זיין א כלי אז ס'זאל ווערן די גראף שרעי. מ'טאר נישט ארייגלייגן אין א כלי א מחילה.

**Speaker 1:** רייט, ארייגצולייגן אין א כלי. מ'מעג נוצן אן אבסקוס, מ'טאר נישט יעצט נעמען א כלי און מייחד זיין פאר אבסקוס.

אקעי. אבער למעשה, מהאי לאו אישתערבב סהו, איז מצוין אוסר. סא גראף מיינט די כלי. גראף איז טייטש די מאגרפה וואס ער האט געזאגט ביז יעצט.

אקעי.

**הלכה יד: שמן היוצא מתחת הקורה**

**Speaker 1:** י״ד?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** **שמן היוצא מתחת הקורה**. אקעי, אונז גייען מיר לערנען נאך הלכות וועגן זאכן וואס איז יוצא מן המוקצה, מן המוכן, מן המוכן. יעצט קען מען לערנען אויף די אקטשועל מוקצה. אקטשועל מוקצה, יא.

א מענטש האט א בית הבד, און ס'רינט ארויס אויף שבת שמן פון די בית הבד, וואס אונז האבן מיר שוין געלערנט אין שביעיתא דקיילא, יא, מ'מעג לייגן פרוכט אויף א בית הבד ערב שבת ס'זאל רינען בשבת.

סא די שמן וואס איז ארויסגעקומען פון די בית הבד בשבת, איז **בכי תמרים שקדים המוכנים לסחורה** — ביי ביידע זאכן מעג מען עסן בשבת.

אגב, ווען ס'איז געקומען שבת איז עס געווען, ס'האט געהאלטן אינמיטן ווערן נסחט, אדער ס'איז געווען מוכן לסחורה, אבער מ'מעג עס עסן. ס'טייטש, עסן מעג מען אויף שבת, נאר מ'קען נישט טלטל'ן. שבת מעג מען עסן, אבער וואס מעג מען טלטל'ן?

מ'מעג אפילו עסן די תמרים אדער די שקדים וואס איז אוועקגעלייגט געווען, ס'איז געווען לכאורה מוקצה, ער האט נישט געפלאנט צו עסן שבת, ער האט געטווישט זיין מיינד, ער גייט צו הויז, מעג ער. מ'זאגט נישט אז ס'איז געווען מוקצה.

**ביאור: שמן היוצא מיינט נישט שמן הנסחט**

ער לייגט צו אז אין די שביעיתא דקיילא וואס אונז האבן מיר געלערנט, איז אז נאר אויב די זיתים זענען שוין געווארן צוקוועטשט אינגאנצן, אבער אויב טוט מען די עצם מלאכת הסחיטה בשבת, איז עס אסור. אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין שביעיתא דקיילא.

סא וואס ס'שטייט דא "שמן היוצא" מיינט ס'האט שוין אנגעהויבן ערב שבת מבעוד יום, שמן היוצא, נישט שמן הנסחט. נישט יעצט נסחט.

**אוצר של תבואה**

**אפילו אוצר של תבואה** — אפילו ער האט אן אוצר של תבואה, ס'טייטש תבואה וואס ליגט לאוצר, א סטארעדזש צו פארקויפן, אוצר של תבואה, אדער תבואה וואס ליגט געפיילט פאר לסחורה, **אוכל לסתפנין בו בני אדם בשבת**. מען מעג שבת חמין אפילו זיין אז ער וויל עסן.

**דער כלל: שאין שם אוכל שמוקצה בשבת כלל**

גייט ער צו די רמב"ם זאגן די כלל אויף די ביידע הלכות, **שאין שם אוכל שמוקצה בשבת כלל, אלא הכל מוכן הוא**. עסן זאגט מען נישט אז ס'איז יא ראוי, ס'איז נישט ראוי, ס'איז געלונגען, ס'איז נישט געלונגען. לכאורה, יעדע עסן קען א מענטש עסן. יעדע עסן קוקט מען אן אזוי ווי ס'איז ראוי לאכילה. חוץ, חוץ...

**פרטים בדיני טלטול: מוקצה באוכלין, גרף של רעי, ופינוי אוצר**

**מוקצה באוכלין בשבת**

**Speaker 1:**

מותר לאכלם בשבת, מ'מעג שבת מחשב זיין אז ער וויל עסן. גייט יעצט דער רמ"א זאגן די כלל אויף די ביידע הלכות, **שאין שם אוכל שהוא מוקצה בשבת כלל אלא הכל מוכן הוא**. עסן זאגט מען נישט אז ס'איז יא ראוי, ס'איז נישט ראוי, ס'איז געלעגן לסחורה, יעדע עסן קען א מענטש עסן, יעדע עסן קוקט מען אן און מ'זאגט אז ס'איז ראוי לאכילה.

**דער יוצא מן הכלל: גרוגרות וצימוקים שבמוקצה**

חוץ, חוץ, זאגט דער רמ"א, ס'איז דא זאכן וואס איז נישט, **חוץ מגרוגרות וצימוקים שבמוקצה, שבזמן שמייבשין אותן**, גרוגרות און צימוקים וואס מ'האט אוועקגעלייגט אז ס'זאל זיך טרוקענען לסחורה, **בזמן שמייבשין אותן איז נישט ראוי**, פארוואס? **הואיל והם מסריחות בינתים**, אין די מינטיי"ם וואס ס'ווערט ראוי איז עס מסריח, **ואינן ראויין לאכילה**, איז עס אן איסור בשבת, נישט וועגן ס'איז מסריח, נאר וועגן מוקצה, ווייל די איינציגסטע צייט וואס ס'גייט ווערן מותר איז ווען ס'איז שוין...

אמאל, די גרויסע צימוקים וואס ער וויל פארקויפן, אין די מינטיי"ם... ניין, ס'שטייט שבמוקצה. שבמוקצה מיינט אוועקגעלייגט, מוקצה טייטשט אוועקגעלייגט. ס'איז אוועקגעלייגט, ער פלאנט עס נישט יעצט צו עסן, ער פלאנט עס צו מייבש זיין. איז היות ביז ס'ווערט ראוי איז זיין קאפ שטארק, ווייל ס'איז מסריח... ס'איז מסריח, ס'איז נישט ראוי לאכילה. אבער אויב ער... ס'איז א מאכל, אויב ער וויל עסן די פארשטינקענע... וואס הייסט נישט ראוי? אלע עסן הייסט מאכל אכילה, אבער עפעס וואס ס'איז ממש נישט מאכל אכילה איז יא אסור.

עקזעקטלי, און דאס איז שבת. יום טוב וועט מען זען, יום טוב איז יא אסור צו עסן אוכל וואס איז מוקצה, נישט אלע וואס איז מוקצה, אבער שבת איז נישט דא אזא זאך ווי אוכל וואס איז מוקצה, חוץ פון די איין יוצא מן הכלל פון צימוקים וגרוגרות, זאכן וואס מ'טרוקנט אויס די פרוכט. אויך אן איי וואס איז ארויסגעקומען אין שבת איז אן עסן וואס איז מוקצה, מיר האבן דאס פריער געלערנט וועגן די כלי אונטער די איי. אן איי וואס איז

ארויסגעקומען אין שבת, ס'הייסט נישט מוקצה, נאר נולד, נולד איז מוקצה אין שבת. מוקצה טייטשט א זאך וואס איז אוועקגעלייגט.

**חבית שנתגלתה ואבטיח שנשברה**

ווייטער, **חומץ שנתגלה,** ס'איז דא א דין גילוי, אז א משקה וואס איז געווען אפן איז דא א חשש, אין די גמרא איז דא א חשש טאר נישט עסן וועגן מ'האט מורא אז א שלאנג האט אריינגעלייגט זיין ארס. די זעלבע זאך **אן אבטיח שנשברו,** א מעלאן וואס האט זיך צעבראכן, האט דאך אויך דעם דין גילוי, ווייל אן אבטיח איז דאך געמאכט אויף פון פירות, פון נאסעקייט, און פאר עסן, אויב דו גייסט ארויף... ס'קען מען זען אז עפעס איז דא. אבער אין א טרינקען, ניין, די אבטיח האט זיך געעפנט, און א וואטערמעלאן איז דאך דארט ניינציג פראצענט דערפון איז וואסער, האט עס די זעלבע דין אזוי ווי א טרינק וואס דארף האבן גילוי.

איז אזוי, איז עס יעצט נישט ראוי לאכילה, ווייל מ'טאר עס נישט עסן משום סכנה. איז די שאלה צו ס'הייסט יעצט אסור בטלטול ווייל ס'איז נישט ראוי לאכילה? איז די הלכה דארט, אפילו ס'איז אינו ראוי לאכילה, **נוטלו ומניחו במקום המוצנע** מגורת גיין און אוועקלייגן. דאס הייסט, לכאורה, פארוואס? ווייל די זעלבע הלכה אז מאכל איז אלעמאל מוכן. פארוואס איז עס געווארן אינו ראוי לאכילה? איז עס אפשר אזוי ווי צימוקים וגרוגרות? ניין. אפשר ווייל ס'איז א סכנה מעג מען? ווייל ס'איז דאך א דבר וואס מ'האלט זיך אפ פון עסן. איך גלייב נישט אז די ווארט איז דא וועגן סכנה, ווייל סכנה מעג מען מסתמא אזוי, אפילו ווען ס'איז געווען מוקצה האט מען עס געמעגט אוועקלייגן פאר סכנה. ס'זעט אויס אז ס'איז נישט געווארן ממש אסור בטלטול.

**דיון: דער פשט אין "כי יוצא בו"**

לא ברור. אקעי. **וכי יוצא בו,** לאמיר זען. וואס איז כי יוצא בו? לאמיר זען. טייטש כי יוצא בו, ענליך צו דעם. וואס איז ענליך? ענליך צו דעם, **כמעשה אינו מומחה.** מ'מעג נישט ארויסגיין מיט דעם, מ'טאר נישט טראגן שבת. ס'איז אסור בהוצאה, יא. דאס הייסט אזוי ווי א בגד וואס מ'מאכט אן כמעשה מומחה, איז מטלטלין אותו. ס'איז נישט געווארן אסור בטלטול. ס'האט נאך אלץ א היתר, מ'קען עס נוצן פאר איך ווייס נישט וואס. וואס איז די שייכות פון כי יוצא בו? איך פארשטיי נישט מיין שאלה. וואס הייסט כי יוצא בו? ער פראבירט צו זאגן אזא פשט, אז הגם מ'גייט שוין נישט קענען נוצן די אבטיח פאר די געוועגליכע זאך, אבטיח געמאכט צו עסן, יעצט קען מען עס מער נישט נוצן פאר עסן. די זעלבע זאך א כלי וואס איז געמאכט ארויסצוגיין דערמיט, דו קענסט נישט ארויסגיין מיט דעם. אבער ביידע מאל זאגט מען נישט אז ווייל מ'קען נישט טון מיט די מעין צורך אויף וואס ס'איז געמאכט געווארן ווערט עס אסור בטלטול, ווייל מ'קען נאך אלץ עפעס טון דערמיט. מ'גייט נאך אלץ קענען נוצן די חרס, אדער מ'האט עס קענען געבן צו עסן פאר א בהמה, פאר איינעם וואס איז אויף אים נישט אסור הנאה, אדער די אבטיח האט מען קענען נאך אלץ עפעס טון מיט די שולחן דערפון. די זעלבע זאך א כלי שאין לו מומחה, אזוי טייטשט ער.

אדער אפשר וואלסטו געזאגט אז זאלסט נישט מיינען אז ס'איז אסור מטלטל זיין א זאך וואס איז א גילוי ווייל ס'איז אזוי דעינדזשערעס? ניין, ס'איז נישט אזוי דעינדזשערעס. ניין.

**מותר השמן שבנר**

**מותר השמן שבנר שבקערה שהדליקו בו מוצאי שבת,** די איבערגעבליבענע פון די נר אדער פון די קערה וואס מען האט אנגעצינדן אין יענע שבת, אפילו נאכדעם וואס ס'האט זיך אויסגעלאשן, ניין, **אסור להסתפק ממנו במוצאי שבת.** מ'טאר נישט נוצן פון דעם. אוודאי, בשעת ווען ס'ברענט האט מען זיך געזארגט אז מ'טאר נישט אלס כיבוי. מ'טאר נישט נוצן די נר, די שמן, די איבעריגע שמן בשבת, **והואיל שהוקצה מחמת איסור,** ס'איז געווארן מוקצה מחמת איסור. די רמב"ם האט שוין ארויסגערעכנט א מוקצה מחמת איסור, א נר, א יום טוב מ'טאר עס נישט שבת מטלטל זיין אדער נעמען דערפון וועגן כיבוי, בלייבט עס מוקצה מחמת איסור. איך בין ער ביז דא היינט.

**אוצר של תבואה / כדי יין**

יא. **אוצר של תבואה,** אוצר של תבואה **של כדי יין,** אוצר מיינט דארטן וואו מען לייגט אוועק די גרעסערע אמאונטס פון תבואה אדער יין וואס מ'נוצט נישט א גאנצע צייט, לייגט מען אוועק, געווענליך מיינט עס לסחורה. אבער יום טוב וואלט אזא זאך געווען א פראבלעם פון מוקצה, ווייל יום טוב איז עניטינג וואס דער מענטש איז נישט גרייט צו נוצן ווערט מוקצה אויטאמאטיש. אבער שבת, ס'איז נישט אסור בטלטול אפילו ס'איז נישט אנגעגרייט צו עסן, ווייל שבת איז נישטא די מוקצה ווי יום טוב. זאגט די רמב"ם, **אף על פי שמותר להסתפק ממנו,** אגב, אז מ'מעג גיין אויבן דערפון, **אבער אסור להתחיל בו לפנותו אלא לדבר מצוה.** מ'טאר נישט אנהייבן די גרויסע ארבעט פון אויסליידיגן די גאנצע אוצר נאר פאר א דבר מצוה. ער זאגט אז למשל די דבר מצוה איז **כדי לפנות להכנסת אורחים, או לקבוע בו בית המדרש.** טייטשט ער, ברענגט ביידע, תורה און חסד. צוויי מצוות וואס מ'קען וועלן טון מיט אזא זאך. אנצוהייבן די ארבעט טאר מען נישט וועגן א טרחא, אזוויו דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'טוט נישט אין שבת זאכן וואס זענען א טרחא, אבער מעיקר הדין מעג מען עס נוצן.

**וויאזוי מ'פנה דעם אוצר**

זאגט דער רמב"ם, **"ובקצה מפנין אותו, אפילו דמלתא דמצוה היא, לא יעשוהו באפן שיעשה אחד או שנים את הכל, שמא יטרחו הרבה בשבת, אלא כל אחד ואחד מפנה ארבע או חמש קופות עד שיגמרו."** יעדער איינער נעמט אפאר מאל ביז מ'ענדיגט.

ס'איז אינטערעסאנט, מ'האט געהאט די זעלבע זאך אויך ביי די פייער און ביי די חבית שנשברה, אז ווען יעדער איינער טוט אביסל ארבעט, הייסט עס וויניגער ארבעט ווי ווען איין מענטש טוט. כאטש מ'וואלט געקענט טראכטן, צען מענטשן זאלן זיך אנשטרענגען איז אפשר ערגער ווי צוויי מענטשן זאלן זיך אנשטרענגען, אבער די צוויי מענטשן האבן געטון ממש געארבעט שווער. איז ענדערש אז יעדער איינער זאל ארבעטן אביסל שווער.

דארט איז געווען מער פאלט א גזירה, מ'טאר נישט יעדער איינער מער ווי... אה, דארט איז געווען "בל על ממונו", נישט מער ווי די צורך. דארט איז געווען אז די אנדערע מענטשן ציילן נישט צום צורך. ס'קען זיין אז דא איז אויך כאילו אזוי. ס'קומט זיך צו א גרויסער עולם, און יעדער איינער מאכט זיך פלאץ פאר זיין סיט וואו ער גייט זיצן, נישט אז איינער, דער גבאי... מ'קען זיך לערנען, ס'איז א אוצר בית המדרש, ס'העלפט פאר יעדער איינער.

**דיון: א פראקטישע אנווענדונג**

איך האב געטראכט, נאך די סעודה איז דא די עזרת נשים וואו די מאמע שטייט און קלינט אפ די גאנצע סעודה. זאגט ער, קיינער גייט נישט אריין מיט ליידיגע הענט, יעדער איינער נעמט אריין אפאר טעלערס. דאס איז די ריכטיגע וועג, ווייל שבת ארבעטן איז שווער, דו ווילסט נישט אז די מאמע זאל יעצט ארבעטן. ס'דארף זיין חמש, יעדער איינער דארף ארבעטן חמש.

**דיון: צי זענען ד'-ה' קופות דווקא?**

אבער די ארבע חמש קופות איז דאס דווקא? איך מיין, ס'ווענדט זיך אין די אמאונט. ס'קען אמאל זיין אז יעדער איינער דארף ארויסנעמען דרייסיג, אויב ס'איז גאר א גרויסע אוצר. ס'שטייט נישט דא אז ס'האט צו טון מיט א שיעור פון אן אוצר. ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם זאגט ארבע חמש. די נאמבער איז א ווירד נאמבער. ס'איז ווי דער רמב"ם גייט מאכן אן אסאמפשן וויפיל מענטשן ס'איז דא און וויפיל אוצר ס'איז דא.

## Speaker 2:

איך מיין אזוי, ווייל אויב ס'איז גאר א גרויסע אוצר, וועט מען נישט טון די מעשה. פארוואס? ניין, ווייל ס'איז לפי די סייז. מ'איז מפנה לפי די אורחים. מ'איז נישט סתם לליידיג אויס די גאנצע, ווייל אפשר דארף דריי מענטשן פאר זיין שיעור. יעדער מענטש איז מפנה פלאץ. מ'איז דאך מפנה פלאץ. איך מיין אז די פוינט זאל נישט זיין אז די אוצר זאל זיין א גאנצע ליידיגע. אז דער

רום זאל האבן געגוג פלאץ פאר וויפיל מ'דארף. דאס מיינסטו נאר? באלד האט מען געזען אז ס'איז דא א שאלה, מ'טאר נישט אויסקערן אויך.

**Speaker 1:**

און יא, אקעי, און ס'זעט דיר אויס, אויסקערן טאר מען נישט, אבער מ'מעג ארויסנעמען אלע באקסעס. מ'זאגט נישט נאר נעם ארויס וויפיל פלאץ דו דארפסט. ער וויל ס'זאל זיין יעצט א שיינע שול, ער וויל ס'זאל זיין א שיינע רום פאר א גאסט. ער נעמט ארויס אלע. ס'זעט אויס אז מ'מעג דאס אויך. אבער ס'איז מיר אביסל אינטערעסאנט אז די רמ"א מיינט צו זאגן ארבעה חמשה. ער מיינט צו זאגן אז נישט נאר איין מאל מעג מען אים הייסן ארויסטראגן, אריינוואקן מיט איין פולע הענט מיט באקסעס, נאר ער מעג אפילו גיין אפאר מאל. ער זאגט נישט. ארבעה חמשה מיינט... אגעין, ס'איז אפשר נעמט איין מאל אדער צוויי מאל ארויסצונעמען די ארבעה די חמשה. ווייל ס'איז אויך... כ'ווייס נישט ווי גרויס די קופות זענען, יא. א קופה איז א סייז, ס'איז דא א סייז. קופה של שרצים, קופה של תבואה. ס'ליגט דארט אן אוצר, ס'איז באקסעס פון וואטעווער. ניין, יא, ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אויב ס'איז א ריזיגע אוצר און ער האט נאר דריי מענטשן, וועט יעדער איינער דארפן ארויסנעמען הונדערט באקסעס, און ס'שטייט נישט אז ס'וועט זיין אסור. איך גלייב אבער נישט אז מ'טוט אזוי. איך גלייב אז מ'טוט מער... וויאזוי הייסט עס... ס'איז לפי הגודל וויפיל צורך מ'האט. ס'מאכט בערך סענס אז יעדער איינער... יעדער איינער איז דאך יעדער איינער פון די אורחים אדער פון די תלמידים וואס קומען לערנען אין שול. סאו איך זע נישט אזוי... וואס זאגסטו?

**דער חשש פון "השוואת גומות"**

**Speaker 2:**

סאו אין ק"א איז יא געשטאנען וועגן דעם. ס'איז געשטאנען... ס'איז יא געשטאנען אז מ'טאר נישט אויסליידיגן די גאנצע אוצר. ס'איז געשטאנען אז אויב גייט ער, "לא יגמור את כל האוצר". ער זאגט אזוי, שבת וועגן מ'דארף לדבר מצוה מעג מען, אבער "לא יגמור את כל האוצר שמא יבוא להשוות גומות". מ'זאל נישט אויסליידיגן די גאנצע. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דאס זעט אויס ווי ער זאל נאר נישט אויסקערן, אבער ווי אויסליידיגן די גאנצע מעג מען יא. אבער אין ק"א אנפאנג, גלייך ווי ער זאגט תשמישין, די ערשטע זאך וואס ער זאגט אויף תשמישין זאגט ער אז מ'זאל נישט אויסליידיגן די גאנצע "שמא יבוא להשוות גומות".

**Speaker 1:**

יעצט, איז נישט פאר א צורך מצוה? ניין, ער זאגט יא, יא, יא, צורך מצוה. אנדערש טאר מען בכלל נישט אריינגיין. ער זאגט, אפילו ווען מ'טוט עס ווייל מ'וויל... לדבר מצוה כגון אורחים או בית המדרש, "לא יגמור את כל האוצר שמא יבוא להשוות גומות". אה, ס'איז אינטערעסאנט. ער זאגט דארטן אויך אז "לא יגמור את כל העצים" מיינט די איין מענטש, ס'קען זיין אז דארטן איז ער אויך מרמז "לא יגמור", נאר אפאר מענטשן זאלן עס טון צוזאמען, ווייל דא זאגט ער יא "עד שיגמור".

**פרק כו: פרטים בדיני טלטול — המשך הלכה ט"ו והלכה ט"ז**

**המשך הלכה ט"ו — פינוי האוצר בשבת**

**דיון: האם דער איסור איז טרחה אדער השוואת גומות?**

**Speaker 1:** איז דאס נישט פאר א צורך מצוה?

**Speaker 2:** ניין, ער זאגט יא, יא, יא, ס'איז יא צורך מצוה. אלזא איז דאך בכלל נישט שייך.

**Speaker 1:** ניין, ער זאגט, אפילו ווען מ'טוט עס ווייל מ'וויל טון א דבר מצוה, כגון אורחים או בית המדרש, **"ולא יגמור את כל האוצר שמא יבוא להשוואת גומות"**.

אה, ס'איז אינטערעסאנט, דארטן זאגט ער אויך אז "לא יגמור את כל האוצר" מיינט דער איין מענטש. דארטן איז ער אויך מרמז, "לא יגמור", נאר אפאר מענטשן זאלן עס טון צוזאמען. ווייל דא זאגט ער יא "עד שיגמרו". די היתר פון אפאר מענטשן איז געשטאנען דארטן. אבער די איסור איז געשטאנען מיט אזא לשון יחיד, דער איין מענטש זאל נישט ענדיגן די גאנצע. און דא זאגט ער, נאר יעדער איינער זאל נעמען אביסל "עד שיגמרו". דארטן זאגט ער, איין מענטש זאל נישט טון, "לא יגמור", און דא זאגט ער, נאר יעדער איינער זאל טון אביסל "עד שיגמרו".

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ער זאגט די זעלבע הלכה, און ער זאגט עס אין צוויי אביסל אנדערע לשונות. ס'איז א סתירה. דא שטייט די זעלבע הלכה. ער זאגט דאך אז ס'איז א סתירה.

**Speaker 2:** ניין, ווייל דארטן זאגט ער אז איין מענטש זאל נישט טון די גאנצע אויפאמאל.

**Speaker 1:** ניין, ס'שטייט נישט דאס. טו מיר א טובה, מ'קען נישט זאגן די אידיע דא. "לא יגמור את כל האוצר" – דער מענטש, דער איין מענטש, זאל נישט טון די גאנצע אוצר "שמא יבוא להשוואת גומות".

איך האב געהערט אין שטיינערנעם, אז אויך איז גאר... וואס איז? איך ווייס נישט. ס'קומט אויס אויך אויס אנדערש, אז די סיבה פארוואס ער וויל אז אפאר מענטשן זאלן עס טון און נישט איינער, איז נישט וועגן טרחה, נאר וועגן ס'איז דא א חשש שבירת גומות. נו, ס'איז קלאר, ווען איין מענטש טראגט די גאנצע אוצר גייט ער וועלן עס טון פערפעקט, ער גייט וועלן ווען ער ענדיגט, ס'זאל מאכן אויך א שבירת גומות. משא"כ אפאר מענטשן, וועלן זיי האבן אנדערע היתרים.

**"ולא יחבט בקרקעיתו של אוצר"**

לאמיר אפשר אויסקלערן די ווייטער. **"ולא יחבט בקרקעיתו של אוצר"** – ווען מ'ענדיגט אויסליידיגן די אוצר, זאל מען נישט אויסגראבן די פלאר, **"כמו שביארנו"**. מיר האבן דאך געלערנט אז מ'מעג אויסגראבן. ס'איז געשטאנען אז א מחבט איז א קילא שבמלאכות להיתר. אבער אן אוצר, געוועהנליך איז א זאמטיגע פלאר, איז אויב מ'גייט דארטן אויסגראבן איז יא דא א חשש שבירת גומות. "כמו שביארנו" מיינט עקזעקטלי וואס ער האט שוין געזאגט, אז מ'טאר נישט לפנות את הסקילה. דו קענסט נישט מאכן א סתירה. דו מוזסט זאגן אז וואס ס'שטייט "לפנות את הסקילה" מיינט "לא לחבט", אדער פארקערט.

און דא זאגט ער דאך "עד שיגמרו". ער צייכנט אליינס צו "כמו שביארנו". הרי"ו, הרי"ו, אז אויסקערן אזא אוצר איז א שביה גומות לכאורה.

**Speaker 2:** ניין, אני גלייב נישט. אלא, נאר וואס טוט ער יא?

**Speaker 1:** אלא, לאמיר גיין וויאזוי איך טראכט. אבער מען רעדט שוין ווען ס'איז שוין נישטא קיין אוצר. סאו יעצט רעדט מען שוין פון די זאמד. פשט איז, אין די הויז מעג מען קערן, ווייל די הויז איז קליין. זאל דא זאל מען נישט אויסקערן וועגן ס'איז א שביה גומות, אבער ער וויל יא מאכן אביסל גראד די זאמד, מעג מען עס טון באופן הנכנס ויוצא בו, ועושה בו שביל ברגליו בכניסתו וביציאתו. ער מעג יא אויסטרעטן עפעס א וועג אין די שמוציגע פלאר אדער די זאמדיגע פלאר.

**Speaker 2:** ניין, אני נישט מסכים. ס'מוז זיין אז ער מיינט צו זאגן אז ער לאזט אביסל איבער, און דעם וואס בלייבט איבער מאכט ער א שביל מיט זיינע פיס, נישט מכבד זיין.

**Speaker 1:** אבער דו קענסט נישט זאגן אז דער רמב"ם איז זיך סותר אין איין הלכה. ער צייכנט זיך צו צו איר, ער האט נישט פארגעסן. ער האט דיר מסביר געווען דאס, ואני געב דיר יעצט א היתר. לאמיר זאגן קלאר, דא שטייט זיכער צוויי היתרים וואס איז נישט געשטאנען דארט. אמת? דארט איז געשטאנען מען טאר נישט מפנה זיין נאר לצורך מצוה, ס'איז נישט געשטאנען די היתר פון יעדער איינער זאל נעמען פיר-פינף באקסעס. צווייטנס, דארט איז געשטאנען מען טאר נישט אויסענדיגן, ודא איז יא דא א היתר וויאזוי צו ענדיגן. סאו צוויי היתרים איז נוסף געווארן דא: איין היתר פון פינף באקסעס יעדער מענטש, א צווייטע היתר איז מען מעג יא מכבד זיין אזוי בדרך אגב, בדרך נכנס ויוצא.

**דער פירוש המשניות פון דעם רמב"ם**

סאו ער ברענגט אים זעלבסט אין פירוש המשניות. דער פירוש המשניות זאגט דער רמב"ם, אז אויב דער מענטש גייט אליין אויסנעמען די גאנצע אוצר, אפילו בשעת המלאכה, האב איך מורא אז ווען ס'וועט אויפגיין די זון וועט ער זען אז די פלאר איז נישט גראד, גייט ער מאכן א שביה גומות. יא, אבער משא"כ ווען אפאר מענטשן זענען צוזאמען, איז אביסל דא וויניגער די חשש, ווייל ער גייט נישט פארגעסן. ועצט זאגט ער, אפילו אזוי זאל מען אבער יא דילן מיט נאכדעם, זאל מען אויך נישט טון ממש אויסקערן, אפילו ווען ס'איז נישטא די חשש. פשט איז, ווען מערערע מענטשן טוען עס צוזאמען, איז מורא אז ער גייט ממש מאכן א שביה גומות.

**Speaker 2:** אבער ס'שטייט נישט דא די חילוק וואס דו זאגסט, און אויך נישט, איך האב נישט געקוקט אין פירוש המשניות, אבער איך הער נישט פון וואס דו ברענגסט מיר אז ס'איז נישטא קיין חשש פון א שביה גומות ביי אפאר מענטשן.

**Speaker 1:** דו זעסט אז ס'איז יא דא, ס'איז נאר דא די היתר. ס'איז דא צוויי היתרים וואס איז חדש געווארן דא. רייט? ס'וואלט מיר חידוש געווען אז די היתר איז דווקא ווען ס'איז אפאר מענטשן. דא שטייט בכלל אז מ'טאר נישט אליינס. יא?

**Speaker 2:** רייט. איך האב צוגעברענגט אז אפשר ווען ס'שטייט פריער אז איין מענטש מעג אינגאנצן, דאס איז די סתירה, רייט? פריער משמע אז איין מענטש מעג אינגאנצן, אפשר רעדט זיך ווען ס'איז נישטא קיין מענטשן, דעמאלטס מעג מען יא איין מענטש אינגאנצן.

**Speaker 1:** ניין, ער דארף נישט לא יגמור. פרעגט ער דאך, אבער ער מעג די גאנצע, כמעט כמעט די גאנצע? דא שטייט נישט אז ער מעג כמעט די גאנצע אליינס. רייט? דא שטייט א גרעסערע חומרא. דא שטייט נישט אז ער מעג כמעט די גאנצע אליינס, דא שטייט אז ער דארף רופן די מענטשן זאלן עס טון.

**סיכום: דער עיקר איז חשש השוואת גומות**

אקעי, סאו לאמיר נאכאמאל אביסל מאכן סדר אין מיין קאפ. סאו די ענין פון די איסור אוצר איז נישט טרחה, די גאנצע זאך איז די פראבלעם פון השוואת גומות. און פארדעם האט מען נאר מתיר געווען פאר א דבר מצוה האט מען מתיר געווען, און אפילו דעמאלטס איז נאך אלץ דא א חשש פון השוואת גומות. די חשש גייט אוועק מיט דעם וואס מ'זאגט אז מ'זאל עס נישט טון אליין. יא? לאמיר זאגן אזוי, אז אפאר מענטשן טוען עס, איז נישט די ענין די טרחה, נאר די ענין איז אזוי איז נישטא איין מענטש וואס ער גייט יעצט טון א פערפעקט דזשאב און ער גייט אויך מאכן השוואת גומות.

נאר מ'זאגט דאך נאך א זאך, מ'דארף טאקע געדענקן אז ווען מ'ענדיגט און מ'קערט אויס אדער וואטעווער מ'טוט, ווען ס'איז נישט השוואת גומות, השוואת גומות מיינט אז ער גייט פארגעסן און ממש שטיין מיט א שאוול און גראבן. ווען ער טוט יא וואטעווער וואס מ'מעג יא, זאל ער אויך זיין קערפול, ווייל ס'איז גרינג צו מאכן השוואת גומות, ס'איז גרינג צו מאכן אפילו ווען מ'האט נישט אזוי ממש צו שטיין און גראבן. ווייל ער טוט אביסל מער ווי עושה שביל ברגליו במקום שצריך לו, איז ער שוין השוואת גומות. אז ווען ער מאכט דארט א שביל, ער איז נישט השוואת גומות, ער מאכט אז ס'זאל זיין גלאט אז זיי זאלן קענען וואקן, ער מיינט נישט די גומא, ער מיינט נישט גארנישט אויסצוגלאטן די פלאר.

**שייכות צו מוקצה**

**Speaker 2:** איך ווייס, דו האסט צוגעלייגט א גאנצע מעשה וואס שטייט נישט. וואס איז נאך א זאך וואס איך ווייס זיכער איז אז די פרק איז הלכות מוקצה, און דא שטייט די היתר פון הלכות מוקצה. און די גמרא שטייט אז דאס וואס שטייט מפנים ארבע וחמש קופות איז לאפוקי רבי שמעון. רבי שמעון האט געהאלטן אז ס'איז דא מוקצה בשבת, און דא שטייט א היתר אז ס'איז נישטא קיין מוקצה, אפילו א אוצר מעג מען מפנה זיין נאר לדבר מצוה. אויף די היתר איז דא די הגבלה וואס אונז ווייסן נישט. איז אוודאי איז דא א ענין פון א הגבלה פון השוואת גומות, אבער ס'זעט אויך אויס אז ס'איז דא... נאך א הגבלה פון דוקא ד' אמות, דאס האט נישט מיט א שבירת כלים. ס'איז זייער שווער די ימות השנה. איך האב נישט געזען אז ס'שטייט אין זייער פירוש, ניין, איך וואלט נישט געטשעקט. לאמיר גיין ווייטער.

**Speaker 1:** ניין, דאס שטייט דארט, א די חילוק אז איין מענטש איז דא וויניגער שבירת כלים.

**Speaker 2:** ניין, איך ווייס נישט. איך מיין אפשר דער מחבר לייגט דאס צו, דער מחמירא. וואס טאמער ער ברענגט דאס. אבער ס'איז נישט שווער, דער רמב"ם דארף אונז נישט זאגן אז מוקצה איז נישט אסור, ווייל אונז האבן נאך נישט געזען אז מוקצה זאל זיין אסור שבת.

**Speaker 1:** אבער שטייענדיג אז ער איז פארגעגאנגען מיט די הנחה אז מוקצה איז נישט דא שבת, ער האט נישט געזאגט וואס טרענער האט געזאגט.

**Speaker 2:** רבינו, די פרק איז דאך אז מוקצה, ס'איז נישט דא קיין ספק אז דאס שטייט דא, אזוי ווי די גמרא שטייט אז דאס איז לאפוקי ווער ס'זאגט אז ס'איז דא מוקצה.

**Speaker 1:** יא, אבער איך פארשטיי ווי דאס קומט אריין, ווייל דאסווארט איז נישט מוקצה, דאס ווארט איז דברים שאסורין בטלטול. דא האט מען גע'אסר'ט כלי טלטול וועגן א שבירת כלים, דאס איז נישט מטלטל זיין אלע באקסעס וועגן אפשר ס'וועט צוקומען צו א שבירת כלים. נאר וויאזוי דער אופן זאל א טלטול זאל זיין, מיט א טייטש דער תנאי אז ס'זענען א פאר מענטשן איז א תנאי אין טלטול. נאכנישט איז די א שבירת כלים, און רוקן די באקסעס. ס'קען גוט אריינקומען דא, אפילו אן די חידוש פון מוקצה.

**Speaker 2:** איך פארשטיי נישט דא איז מוקצה. א אוצר איז טייטש מוקצה, אבער אונז ווייסן צו שיין א שבת, איז נישט דא די ענין פון מוקצה. אלא אונז זאגט דא א היתר אז עס זאל דא א אוצר טלטל. אז איין מענטש קען נישט מען טלטל זיין אלע באקסעס. פארוואס וועגן א השוואת גומות. אבער דער איסור איז נישט אן איסור איז א השוואת גומות, דער איסור איז אויף די שלעפן די באקסעס פאר דעם, ס'פילט דא אריין אלץ א עס איז פארטיילט איך ווייס ער. און יונז, וויאזוי עס איז מען מיט טלטלן א אוצר? לודן ער אלי. ס'הייסט, עס איז זיכער אז דער פירוק, דער שטיקל, ליגט דא?

**Speaker 1:** פרעגסט א כשר, אז דער רמב"ם קיינמאל וואס זאגט אז עס געדענק, אז דער רמב"ם איז געבויט אויף די גמרא, און די גמרא שטייט אז דאס וועלט צו זאגן אז עס איז נישט אויסער פון די גמרא. ווייסן, דער גמרא זאגט אז ס'איז א מחלוקת תנאים, איז אן תנא טאר א גאנצע פראוועל, וואס ווען זיי זאלן נישט צו צייט צו לערנען, דער ראבערט פרעגט אז דער רמב"ם אז עס שטימט נישט זיין פשט אין די גמרא. אויב מען וואלט דער גאנצע לערנט, וועלן עס נאר אויסגעפרעגט דעם תנאים פשט פון דער רמב"ם, ביז דערווייל לערנט מען אז ווי דער רמב"ם האט געזאגט, האבן זיי לערנען אנגעקוקן אין די גמראות, און עס ווייסט נישט אינגאנצען.

**Speaker 2:** אוי, ער זאגט גוט די ווערטער, "אפילו שמתיר לסתם בני אדם". דאס זאגט די ווערטער אז ס'איז נישטא קיין מוקצה. און נאכדעם זאגט ער, "אסור" פאר אנדערע סיבות. אסור להשכיל בעולם פאר נוי, צוליב די גויאישע וויגון'ס אדער וואטעווער ס'איז.

אקעי.

**הלכה ט"ז — דברים הראויים למאכל בהמה**

**Speaker 1:** ט"ז. יא.

אממ, יא. זאגט דער רמב"ם אזוי, **"כל שראוי למאכל בהמה חיה ועוף המצויין"** - וואס זענען מצוי. נישט אז הייפאטעטיקלי ווען ס'וואלט דא געווען א דזשיראף וואלט עס געטויגט. מצוי מיינט נישט שכיח, ס'דארף שוין זיין אן עקזעמפל וואס שטייט נישט אין רמב"ם.

און מ'טלטלט נאר וואס ס'איז נישט מוקצה. וואס הייסט ראוי? ווייל ס'איז נישט מוקצה. אזא סארט זאך וואלט געווען מוקצה מחמת גופו אויב ס'איז

נישט ראוי. אבער אויב ס'איז ראוי פאר א געוויסע בהמה, חיה, ועוף וואס איז מצוי, איז עס שוין נישט קיין מוקצה מחמת גופו, יא?

**ביישפילן פון דברים הראויים למאכל בהמה**

קיצור, זאגט ער, מ'טלטלט נאר א **תורמוס היבש**, טרוקענע תורמוס. מיר האבן שוין געהאט תורמוס, וואטעווער ס'איז, אפשר סארט בונדל. יא, יא, יא. **"שהוא מאכל לעזים"**, ווייל עזים עסן דאס. **"אבל לא את הלח"**, נאסע תורמוס עסן נישט אפילו עזים האבן נישט ליב. נאר מענטשן נאכדעם וואס מ'קאכט עס. מ'רעדט יעצט נישט געקאכט, רייט?

**Speaker 2:** מ'רעדט דא לכאורה.

**Speaker 1:** **"החוצב"** - האסטו שוין געהאט חוצב?

**Speaker 2:** ניין.

**Speaker 1:** אה, ער זאגט אז ס'איז צוקער פון די צוקער שטיקלעך. דאס הייסט נאר די קנים מיט וואס מ'מאכט שוגער קעינס. **"שהוא מאכל לצבאים"**, הערשן עסן עס. **"החרדל שהוא מאכל ליונים"**. די חרדל איז א מאכל פאר מענטשן אויך. זיי האבן געלערנט פריער וועגן וואס מ'מעג יא און נישט טון מיט חרדל.

אבער דא רעדט מען פון די רויע. סאו בעיסיקלי, ווען איינער וויל עס זאגן פראקטיש, וואלט ער געזאגט אז ס'איז אזויווי רויע פיש פון די פריזער אדער רויע פלייש פון די פריזער, מעג מען נאר אויב ס'איז דא חיות ובהמות במציאות וואס עסן דאס.

**"ועצמות שהן מאכל לכלבים"**. **"כל הקליפין והגרעינין"**, אלע קליפות און אטאמס, אלע שאלעכץ מיט קערלעך, **"הראוים למאכל בהמה"**, איז דאך אלע נושא וואס איז ראוי למאכל בהמה. **"ומה שאינן ראוים"**, דאס וואס איז נישט ראוי פאר א בהמה, וויאזוי טוט מען מיט דעם? איז דאך דא דער חלק, ער רעדט דא פון די קליפות און די גרעינין, פשט איז די פרוכט אליין מעג ער עסן, און יעצט פלוצלינג טרעפט ער זיך א פריזער.

**הלכות מוקצה: קליפין וגרעינין, בשר תפוח ודג מליח, בעלי חיים שאינם מצויים, גרף של רעי, וחבילי קש ועצים**

**הלכה יז: קליפין וגרעינין הראוין למאכל בהמה**

**Speaker 1:**

**וכן כל הקליפין והגרעינין הראוין למאכל בהמה, מותר לטלטלן, ושאינן ראוין, יאכל את האוכל ויזרקם לאחוריו.**

וכן כל הקליפין והגרעינין, אלע קליפות און אטאמס, אלע שאלעכץ מיט קערלעך, הראוין למאכל בהמה, איז מותר לטלטלן, וואס איז ראוי למאכל בהמה. ושאינן ראוין, די וואס זענען נישט ראוי פאר א בהמה, וויאזוי טוט מען מיט דעם?

איז דא דא א חלק, ער רעדט דא פון די קליפין והגרעינין, דאס הייסט די פרוכט אליין מעג ער עסן, און יעצט פלוצלינג טרעפט ער זיך מיט עפעס א גרופע אין זיין האנט. יאכל את האוכל ויזרקם לאחוריו, ער ווארפט אוועק די קליפין והגרעינין לאחוריו.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "יזרקם לאחוריו"?**

**Speaker 1:**

וואס מיינט ער זאל עס ווי ווייניגער האלטן? כאילו אין די רגע ווען ס'ווערט אוועילעבל זאל ער דאס אוועקווארפן? אדער טייטש ער טאר נישט שלאגן אויף א טעלער, נאר דווקא לאחוריו? אדער ער רעדט דא א דיבור בהווה? דו דארפסט געבן א ווארף אוועק.

**Speaker 2:**

וואס הייסט א טעלער? דער טעלער גייט זיין פארנט פון אים.

**Speaker 1:**

ער מעג עס לייגן אויף א טעלער פארנט פון אים, נאר ער מעג עס נישט ארויסטראגן אלס גרף שופכין אדער וואס? אזוי אז ס'זאל נישט ווערן א גרף שופכין טאר ער נישט, ער דארף עס ארויסווארפן גלייך?

לכאורה וואס איז די גארבידזש, אזוי איז אמאל געווען אטליכע. ס'איז דארטן וואו מ'עסט נישט. היינט רוקט מען עס אונטער די קארפעט.

**הלכה להלכה: שמוץ פון עסן**

**Speaker 1:**

אסור לטלטלן.

אה, איך דארף זאגן וואס מיר האבן פריער געלערנט וועגן די קליפות. ס'קומט אויס להלכה אז אויב מען עסט, ווען מען עסט ווערט שמוץ, אדער פון קליפות פון אגוזים, זאכן וואס מען עסט, אדער סתם אזוי שמוץ, טאר מען נישט מטלטל זיין לכתחילה שמוץ דירעקט. דאס איז שולל. די גמרא אין שבת שטייט אז מ'איז מנער, מ'שאקלט אפ. סא היינט וואס מ'האט א פלעסטיק טישטוך, קען מען עס אראפנעמען מיט די טישטוך. אדער האסטו אן אנדערע עצה, ס'איז דא אין די מחלוקת האחרונים וויפיל מ'איז מותר דערויף.

**הלכה יז (המשך): בשר תפוח, בשר חי, ודג מליח**

**Speaker 1:**

**ומטלטלין בשר תפוח, שהוא מאכל לחיה.**

תפוח מיינט רויע פלייש.

**Speaker 2:**

ניין, תפוח קען נישט מיינען רויע, ווייל חי איז רויע. וואס איז תפוח?

**Speaker 1:**

וואס איז שוין קאליע געווארן?

**Speaker 2:**

יא, בשר תפוח וואס איז שוין געווארן מנופח, ס'איז געווארן אנגעבלאזן ווייל ס'איז נישט פריש.

**Speaker 1:**

שהוא מאכל לחיה.

**ומטלטלין בשר חי, בין תפל בין מלוח, שהוא ראוי לאדם.**

מ'קען עסן בשר חי. היינט האט עס עפעס א פענסי נאמען, מ'זאגט עס קארפאטשיא.

**וכן דג מלוח**, א געזאלצענע פיש איז אויך מותר ווייל מענטשן עסן עס. **אבל התפל**, א פיש וואס איז נאכנישט געווארן געזאלצן, **אסור לטלטלו, שאינו ראוי לאדם.** ס'איז נישט ראוי פאר קיינעם.

**הלכה יח: בעלי חיים שאינם מצויים**

**Speaker 1:**

אבער ס'איז נישט אזוי קלאר געזאגט וואס טייטש מציע, ס'טייטש אז ער זאל עס נישט לייגן אויף א פלאץ וואו ס'וועט זיין מציע.

**Speaker 2:**

אה, דארט איז דא וואס נישט?

**Speaker 1:**

אבער איינמאל האלט מען אין שברי זכוכית, שטיקלעך פון זכוכית, **אפילו שאינו מאכל נעמיות.** נעמיות איז אסטריטשעס, סופאזעדלי?

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

זיי עסן גלאז? אזוי זאגט מען.

**Speaker 2:**

אקעי.

### Speaker 1:

איך האב נישט געהאט קיין פעט אסטריטש קיינמאל אין מיין הויז, באט אסטריטשעס עסט גלאז. זיי זענען נישט מצויים.

### Speaker 2:

אה, טאקע.

### Speaker 1:

**ולא חבילות זמורות.**

### Speaker 2:

יא, זיי עסן עניטינג. זיי עסן שטיינער. ס'שניידט זיי נישט די וועג אראפ פון...

### Speaker 1:

יא, זייער בויך פעלט עפעס. געוועגליך א בויך צוקנייט עסן. זייער בויך פעלט עס, אז זיי עסן שטיינער אדער שארפע זאכן כדי ס'זאל העלפן פארדייען די עסן.

אז דאס איז א פענאמען, איז דא מענטשן וואס זענען לאו אויף עפעס, און זיי עסן לכבוד דעם...

### Speaker 2:

זאמד. נישט גלאז. גלאז עסט קיינער נישט.

### Speaker 1:

איך האב אמאל געהערט איינער וואס האט געארבעט אין... איינער וואס האט געארבעט אין מאכן שלום מיט אנדערע פעלקער, האט ער געזאגט אז... ווען מ'רעדט צוזאמען, קודם טוט מען אויף אז מ'ווייסט אז יענער עסט נישט קיין גלאז. ער איז א מענטש. אז מ'זעט מען ווייטער, אז ער איז נישט קיין נעמי. ער איז א מורא, ער איז נישט קיין נעמי.

**ולא חבילות זמורות.** נישט קיין צווייגלעך. **אפילו שמאכל פילים.** אפילו... פילים איז... וויאזוי הייסט עס, עלעפענטס עסן עס. **ולא את הלוף.** לוף מיינט ער איז איינע פון די... נו, וועלכע סארט די פרוכט וואס איז דא אפאר מינים אויף די איין בוים, און ס'איז דא אסאך סארטן, וויאזוי הייסט עס נאר? וואס מ'מאכט א ברכה. צלף? נישט פון די צלף פעמילי?

### Speaker 2:

ניין.

### Speaker 1:

ער זאגט אז לוף איז א סארט אניען.

### Speaker 2:

אהא, אקעי.

### Speaker 1:

**אפילו שמאכל עורבים.**

**חידוש: הגדרת "מצוי"**

### Speaker 1:

**נמצא אילן ויוצא בו מעט מצויים אצל רוב בני אדם.** די בעלי חיים זענען זעלטענע בעלי חיים.

